עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל

קונטרס כ"ח

"שמעתי שהולך ובא ראש־השנה"

# תוכן השיחה

מ'שאקלט אונז דעם רבי'נס ראש השנה..

ווער קען ממתיק זיין די אלע חבלי הגאולה?!

"והבדילנו מן התועים" (תורת הקורונה)

א גאנץ יאר ראש השנה

זיך רייסן צום ראש השנה...

"מעשה מהכסא"

א 'השנה' אין תאוות...

דער טעם פון לערנען עלעוו שעה נאכאנאנד...

דער מענטש אליין זאל ווערן "תורה"

די תורה ווערט "לעבן" (צוויי מעשיות)

"ראש השנה, ראש השנה – ממש"

"וגער בנו על שאין אנו שמחים"

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 0 <1

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 <1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 2<28

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

## מהנעשה והנשמע בקו "רוחא דחיי"

### שלוחת המועדים – חודש אלול – ראש השנה

בעז"ה ניתן כבר לשמוע שיעורים נפלאים על עבודת התשובה וחודש אלול במשנתו של רביה"ק

וכן סידרנו מחדש את שלוחת "ראש השנה" אוצר נפלא של שיעורי הכנה לקראת ראש השנה והנסיעה לרבינו הק' עם תפריט מלא של נושאי השיעורים, וכן קטעים נבחרים, ניגונים ונוסחאות התפילה, אפשר להתחבר לשלוחות אלו במקש 1<3 מהכניסה למערכת.

כמו כן בשבועות הקרובים יעלה בשלוחה 1<1 כל יום שני, שיעורים מיוחדים ויסודיים המבררים בטוב טעם ענייני ראש השנה

פר' שופטים – שיעור בתו' ס"ו בעניין המניעות לבוא לרבינו הק'.

פר' כי תצא – עניין התקבצות והתפילות יחד בצילו של רביה"ק, בימי ר"ה.

פר' כי תבא לאומן – עניין ההשתטחות על ציון רבינו הקדוש.

פר' נצבים – שיעור נפלא על עבודת ראש השנה, לחשוב מחשבות טובות, בהתקשרות לצדיק.

### ותשחק ליום אחרון

בס"ד במדור יסודות במשנת ברסלב התחלנו סדרת שיעורים, בענין "זכרון עלמא דאתי" לשמוח בכל נקודה טובה ולחטוף קניינים נצחיים בדרכי רבינו הקדוש כל יום רביעי בשלוחה 1<1 (ויעבר לאח"כ לשלוחה 4<1<11)

### ישמח לב מבקשי השם

אנו שמחים להודע שבס"ד סדרנו את האפשרות להוריד לנגן את כל השיעורים העולים לקו "רוחא דחיי" בעמדות "משפיע" בכל רחבי תבל. ואנו מקווים לסדר ולעדכן שלוחות לפי נושאים, ומועדים וזמנים.

### מספר הקו החדש

**02.540.1232**

# "שמעתי שהולך ובא ראש־השנה"

### אמונה והשתוקקות לר"ה של הרבי, ודביקות בתורה הקדושה

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים ירושלים – ה' תמוז תש"פ]

## מ'שאקלט אונז דעם רבי'נס ראש השנה...

ס'איז דא אסאך וואס צו רעדן, אבער וויבאלד מיר האבן נאכנישט קיין קלארע ידיעות וועגן ראש־השנה, און דער ראש השנה שטייט שטארק אויפן הארץ – איז מען נישט רוהיג. מ'איז זייער נישט רוהיג! מיר האבן נישט די רוהיגקייט ווען ראש השנה איז אין א סכנה. דארף מען אסאך רעדן פון ראש השנה, דארף מען שטארק אינזינען האבן דעם ראש השנה, מ'דארף ממתיק זיין דעם ראש השנה.

איך רעד א נקודה־השייכת־ללבי, **איך רעד וואס מיר קוועטשט.** נישט נאר מיר קוועטשט עס, ס'קוועטשט פאר אסאך ברסלב'ער חסידים, ס'דארף אלעמען קוועטשן! **על־כל־פנים, איך רעד... איך האב נישט קיין מנוחה פון דעם.**

דער ראש השנה דערנענטערט זיך. רבי נתן האט געזאגט[א]: **"כי בא! כי בא!" - אט גייט ער, דער ראש השנה; "כִּי בָא, כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ"** –

**א.** ראה שיש"ק חלק ג תפ"ז: הָיָה פַּעַם לִפְנֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהִתְלַהֵב מוֹהֲרַנַ"ת מֵאֵימַת יוֹם הַדִּין הַקָּרֵב, וְאָמַר בְּהַדְגָּשָׁה אֶת הַכָּתוּב (תְּהִלִּים צ"ו, י"ג) **"לִפְנֵי ה' כִּי בָא, כִּי בָא לִשְׁפּוֹט אֶת הָאָרֶץ"**

דער אויבערשטער קומט אריין אין די וועלט. אלעס וואס טוט זיך, אלעס ווערט גע'משפט ראש השנה. ראש השנה איז דער מקור פון דעם יאר, און דער ראש השנה דארף א המתקה.

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן מתנות, ברוך ה'. שוין פון תשמ"ט-תש"נ האט אונז דער אויבערשטער געגעבן מתנות, ברוך ה', אז מיר האבן זוכה געווען צו דרייסיג ראש השנה'ס זיין ביים רבי'ן. אשרינו, אז מיר האבן זוכה געווען צו אזעלכע מתנות!

ר' **משה קרעמער** פלעגט עס אסאך דערמאנען אין יענע יארן, אז אין תשמ"ט האט דער אויבערשטער צוגענומען פון אונז גדולי עולם: ר' **לוי יצחק בנדר**, ר' **שמואל שפירא**, ר' **וועלוול חשין**, זכרונם לברכה. ס'האט זיך ממש געענדיגט א דור. האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויף אונז, און ער האט אונז געגעבן א מתנה – דעם רבי'נס ציון. מיט איין מאל, ווען מ'האט אונז צוגענומען אזעלכע גדולים, האט ער אונז געגעבן דעם ראש השנה. מיר האבן באקומען דעם ראש השנה, מיר האבן באקומען דעם רבי'נס ציון, און ס'איז אריין א נייער חיות, א נייער כח.

וויפל דער דור איז אראפ, מטה-מטה, פון איין זייט – מ'טאפט עס מיט די הענט ווי ווייט מ'איז אראפ פון דעמאלטס – אבער מצד שני, דער ענין פון זיך מחזק זיין מיטן רבי'נס כח, מיט דעם רבי'נס ראש השנה און מיט דעם רבי'נס ציון בכלל, האט געגעבן נייע כוחות פאר דעם דור, נייע כוחות פאר די גאנצע וועלט. דער רבי'נס ציון איז דאך אן א שיעור מקרב רחוקים. מענטשן כאפן זיך אָן אויפן ציון, מ'כאפט זיך אן אין די געוואלדיגע קדושה, ס'איז נייע כוחות. דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה.

און דא, אינמיטן, ווער האט זיך גערעכטן אויף אזא זאך? מ'שאקלט אונז אין דעם ענין, מ'שאקלט, מ'טרייסלט אונז. מיר שטייען אין א פחד. דער

- "אָט קוּמְט עֶר! אָט קוּמְט עֶר!" וְאָמַר זֹאת בְּאֵימָה כָּזוֹ עַד שֶׁנָּפְלוּ עַל כָּל הַשּׁוֹמְעִים פַּחַד וְאֵימָה נוֹרָאִים מִיּוֹם הַדִּין הַקָּרֵב וּבָא.

אויבערשטער זאל אויסהיטן, היה לא תהיה, חס ושלום. דער אויבערשטער זאל אויסהיטן, אז מיר זאלן זוכה זיין, אז ס'זאל נישט זיין קיין שום רפיון אין דעם ראש השנה, **"איש בל יעדר"**[ב], זאל נישט פעלן קיין איינער, קיינער זאל נישט ארויספאלן פון רבי'נס ראש השנה.

די עצם זאך אז ס'שאקלט זיך, ברענגט שוין אז כל מיני מענטשן זאגן: "שוין, אויב אזוי, האב איך נישט קיין כח..." נאר אז ס'שאקלט זיך, טויגט שוין נישט! כל שכן, דער אויבערשטער זאל אויסהיטן פון גרעסערע מניעות, וואס זאלן נישט גורם זיין נאך גרעסערע זאכן, חס ושלום.

אונזער גאנצע מציאות איז תלוי אין דעם רבי'נס ראש השנה... מ'דארף האבן א געוואלדיגע התעוררות! א געוואלדיגע התעוררות אין די אלע קומענדיגע חדשים, אז מיר זאלן זוכה זיין. רבי נתן שרייבט[ג]: **"יהיה נכון ליום הכסא"** – אלע זאלן זיין גרייט צום יום הכסא, אז קיינער זאל נישט פעלן. ער שרייבט אין א בריוו: "מודיע זיין פאר אלע אז יהיו נכונים ליום הכסא, איש בל יעדר" – קיינער זאל ח"ו נישט פעלן ראש השנה.

דארף מען אין די חדשים עס אינזינען האבן מיט יעדע זאך. מ'דארף עס אינזינען האבן מיט'ן דאווענען, מיט'ן לערנען, מיט א מקוה, מיט געבן צדקה, מיט התבודדות, מיט די קינות און מיט די נחמות. די גאנצע צייט דארף מען (מיט) אלעס, מיט אלעס וואס מיר טוען – יעדער איינער, הכלל והפרט – דארף מען אלץ אינזינען האבן: מיר זאלן זוכה זיין דורך דעם מגלה זיין דעם ראש השנה, זאל נתגלה ווערן דער כיסוי וואס איז דא אויפן ראש השנה.

---

**ב.** ראה חיי מוהר"ן ת"ג: אָמַר, הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל. וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה **אִישׁ לֹא יֵעָדֵר**. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז **שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ**.

**ג.** ראה עלים לתרופה מכתב פ"ט (יום א תבוא תקפ"ט): וְיִרְאֶה לִכְתֹּב לִי מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים שֶׁבִּקְהִלַּתְכֶם **אִם כֻּלָּם נְכוֹנִים לִנְסֹעַ לָבוֹא לְיוֹם הַכֶּסֶא לְאוּמַאן** אָז טוֹב לָהֶם וכו'. דִּבְרֵי אָבִיךָ הַמַּעְתִּיר בַּעַדְכֶם. נָתָן מִבְּרֶסְלֶב.

ה' ירחם, ה' ירחם! ווי קען מען ממתיק זיין די דינים היינט אָן דעם רבי'ן? מיר זענען א דור עני ואביון, ווי שטייט דארטן[ד]: "**אַנְשֵׁי אֱמָנָה אָבָדוּ, סָעוּ הֵמָּה לִמְנוּחוֹת, עָזְבוּ אוֹתָנוּ לַאֲנָחוֹת**". ס'איז געווען אמאל אידן וואס האבן געקענט ממתיק זיין די גזירות; ווער זענען מיר היינט? שוואכע מענטשן... קוים מ'דאווענט עפעס, קוים מ'האט עפעס.

אבער דער עיקר כח וואס מיר האבן – מיר האבן דעם רבי'נס ראש השנה! א גאנצע יאר שפארן מיר זיך אָן אויף דעם רבי'נס ראש השנה, און אז מ'טרייסלט אונז דעם רבי'נס ראש השנה – דער אויבערשטער זאל אויסהיטן...

חז"ל האבן געזאגט אויף די צייטן פאר משיח ועט קומען: "**ייתי ולא איחמיניה**"[ה]. ווער האט כח אריבערצוגיין די חבלי משיח? נאר מיט'ן כח פון "**עצמות יוסף**", נאר דאס ברענגט אונז אז מיר זאלן קענען האבן די גאולה[ו] – נאר מיט'ן כח פון רבי'נס ציון, נאר מיט די שטארקייט.

---

**ד.** סליחות לחמישי בה"ב.

**ה.** סנהדרין צ"ח:

**ו.** ראה בליקוטי הלכות הל' חובל בחברו ג, י"ג: וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁהִזְהִיר יוֹסֵף הַצַּדִּיק אֶת אֶחָיו, פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִתֶם אֶת עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם וְכוּ', וְכֵן עָשׂוּ. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ כִּי הַשְׁבֵּעַ וְכוּ' לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד וְכוּ'. וְאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעִקַּר הַגְּאֻלָּה הָיָה עַל יְדֵי עַצְמוֹת יוֹסֵף שֶׁלְּקָחָם מֹשֶׁה וְהִתְקַשֵּׁר עֲלֵיהֶם, הַיְנוּ כַּנַּ"ל זֶהוּ בְּחִינַת עֹצֶם הַפְלָגַת מַעֲלַת קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים שֶׁמּוֹעִיל לְהָאָדָם מְאֹד לְתִקּוּן נַפְשׁוֹ לְהוֹצִיא אוֹתוֹ מִגָּלוּתוֹ הַכָּבֵד, דְּהַיְנוּ גָּלוּת הַנֶּפֶשׁ, שֶׁהוּא עִקַּר הַגָּלוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת גָּלוּת מִצְרַיִם שֶׁכּוֹלֵל כָּל הַגָּלֻיּוֹת בִּבְחִינַת וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ, שֶׁעִקַּר גְּאֻלַּת מִצְרַיִם הָיָה עַל יְדֵי עַצְמוֹת יוֹסֵף שֶׁלְּקָחָם לְקָבְרָם בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף שֶׁנָּשְׂאוּ בְּעֵת יְצִיאַת מִצְרַיִם זֶהוּ בְּחִינַת קֶבֶר הַצַּדִּיק שֶׁעַל יְדֵי זֶה הָיָה עִקַּר גְּאֻלָּתָם.

וראה בכוכבי אור שו"ס ל"ז: גַּם מְבֹאָר מִצֵּרוּפֵי דִּבְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל שֶׁבְּהֶכְרֵחַ הַשִּׁנּוּיִים {בגלגולי הנשמות} וכו' נִשְׁתַּנָּה כְּמוֹ כֵן הֶכְרֵחַ הִתְקַשְּׁרוּת נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל לְעַצְמוֹת יוֹסֵף. כִּי בַּגְּאֻלָּה הָרִאשׁוֹנָה הָיְתָה הִתְקַשְּׁרוּתָם אֵלָיו עַל־יְדֵי קִיחַת עַצְמוֹתָיו (כַּנַּ"ל), וְעַתָּה יִזְכּוּ מִדּוֹר לְדוֹר אֲלָפִים נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל לְהִתְקַשֵּׁר לְעַצְמוֹתָיו עַל־יְדֵי הַהִשְׁתַּטְּחוּת עַל קְבוּרַת עַצְמוֹתָיו. וְשֶׁזֶּה מַה שֶּׁהִבְטִיחַ רַבֵּנוּ זַ"ל בְּהַבְטָחָה גְּדוֹלָה לְכָל הַבָּאִים עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ, כִּי גַּם זֶה מֵעִקְּרֵי אַתְחַלְתָּא דִּגְאֻלָּה. (וראה עוד שם באות ל"ז-מ"א. ובביאור הליקוטים על תורה י"א).

דארף מען זיך רייסן, זיך דראפען מיט יעדער נקודה. יעדער נקודה דארף מען טראכטן אז מיט דעם זכות זאל מען זוכה זיין צו זיין ביים רבי'נס ראש השנה. איך דאוון, איך לערן, איך געב צדקה – יעדע נקודה איז "מיט דעם זכות זאל מען זוכה זיין, צו זיין ביים רבי'נס ראש השנה". דאס דארף זיין בראש מעיינינו.

## ווער קען ממתיק זיין די אלע חבלי הגאולה?!

ר' **לוי יצחק בנדר** פלעגט זאג, אז אלע עצות פון רבי'ן – זענען עצות וואס מיר האבן באקומען פון רבי'ן, אבער דער ראש השנה, דאס איז נישט א 'עצה' פון רבי'ן. **ראש השנה - דאס איז דער רבי אליין!** ס'איז דא די עצות פון רבי'ן, און ס'איז דא דער רבי. דער זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, דאס איז נישט אז דער רבי האט געגעבן א עצה, נאר **ראש השנה דאס איז דער רבי'נס כח** (אליין).

דער רבי זאגט ז אז ס'ווערט נתקבץ "**שלושה ראשים**": דער ראש השנה, דער ראש פון יעדן איינעם, און דער ראש בני ישראל – ער איז אונזער ראש. ווען מיר קומען ראש השנה באקומען מיר א "ראש", האבן מיר מוחין, באקומען מיר די המתקה פון דעם יאר.

לויט וואס ס'איז איבערגעגאנגען דעם יאר, קען מען זיך פארשטעלן, אז חס ושלום, ווען מיר וואלטן נישט געהאט דעם (פריערדיגן) ראש השנה, ווער

**ז.** ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה צ"ד: שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁהָיָה כָּתוּב אֶצְלוֹ תּוֹרָה עַל עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שֶׁצְּרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים עַל ראשׁ הַשָּׁנָה. וְהָיָה מְבאָר שָׁם מֵעִנְיַן **שְׁלשָׁה רָאשִׁים שֶׁמִּתְקַבְּצִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה**, כְּשֶׁזּוֹכִין אָז לִהְיוֹת אֵצֶל הַצַּדִּיק. כִּי הַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת 'ראשׁ', כִּי הוּא "ראשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (שמות ל, יב). וְראשׁ הַשָּׁנָה הוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת 'ראשׁ', כִּי הוּא ראשׁ הַשָּׁנָה. וְכָל אֶחָד בָּא עִם מחוֹ וְדַעְתּוֹ לְהַצַּדִּיק וּמְקַשֵּׁר דַּעְתּוֹ וּמחוֹ שֶׁבְּראשׁוֹ, שֶׁזֶּהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת 'ראשׁ', לְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא "ראשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" בְּראשׁ הַשָּׁנָה, נִמְצָא שֶׁנִּתְקַבְּצוּ שְׁלשָׁה רָאשִׁים יַחַד. [וְהָיָה לוֹ בָּזֶה תּוֹרָה שְׁלֵמָה, וְלֹא זָכִיתִי לְקַבְּלָהּ].

וייסט וואס וואלט פון אונז געווען. **מיר האבן זוכה געווען צו זיין ראש השנה, וואס דאס איז ממתיק. מיר זעהען א מציאות אז אלע פחדים זענען כסדר נמתק געווארן.** ס'האט אויסגעקוקט דא (בעיצומה של תקופת הקורונה) אז ס'וועט נישט נעמען קיין סוף... און בכח פון ראש השנה איז נמתק געווארן און נמתק געווארן. א גאנצע צייט; מ'האט געזעהן אז זאכן ווערן נמתק... ווייל מיר האבן דעם ראש השנה, און פון ראש השנה האט מען שוין ממתיק געווען דעם דין.

**און יעצט דארף מען צוגרייטן א נייער ראש השנה, מ'דארף צוגרייטן א נייער ראש השנה!**

און וואס נענטער ס'איז צו די גאולה – די גאולה איז א סוד, מיר ווייסן נישט ווען די גאולה וועט זיין, מיר האבן נישט קיין שום ידיעה נישט. ס'איז א היסח הדעת, דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין שום חשבונות אין די זאכן[ח]. אבער איין זאך ווייסן מיר זיכער: וואס א יאר שפעטער, איז נענטער צו די גאולה. און וואס ס'איז נענטער צו די גאולה, איז די זאך שארפער, דארף עס מער המתקה. ווייל וואס שפעטער דארף מען א גרעסערע המתקה, ס'זאל זיין מיט חסד ורחמים[ט].

---

**ח.** ראה חיי מוהר"ן תקכ"ז: לְעִנְיַן הַקִּצִּים, שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה גְּדוֹלִים שֶׁמְּחַשְּׁבִין קִצִּים וְאוֹמְרִים שֶׁרָאוּי שֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ בְּאוֹתוֹ הַקֵּץ שֶׁהֵם אוֹמְרִים, כְּמוֹ שֶׁאֵרַע בִּזְמַנֵּנוּ שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים עַל כַּמָּה פְּרָטִים שֶׁאָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, וְכֵן בַּדּוֹרוֹת שֶׁלְּפָנָיו. **וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה מַסְכִּים עַל־זֶה כְּלָל**, וְאָמַר שֶׁבְּכָל זְמַן שֶׁאוֹמְרִים אֵיזֶה קֵץ אָז בְּוַדַּאי לֹא יָבוֹא מָשִׁיחַ בְּשׁוּם אֹפֶן בְּאוֹתוֹ הַקֵּץ שֶׁהֵם אוֹמְרִים. וּכְבָר מְבֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (זֹהַר חָדָשׁ בְּרֵאשִׁית יב). שֶׁמְּקַלֵּל מְאֹד כָּל הַמְחַשְּׁבֵי קִצִּין כִּי אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא בְּהֶסַּח הַדַּעַת (סַנְהֶדְרִין צז.). וְהִנֵּה עַכְשָׁו אוֹמְרִים הָעוֹלָם שֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ בִּשְׁנַת ת"ר לפ"ק, וְנִדְמֶה לָהֶם שֶׁיֵּשׁ רְמָזִים בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ עַל זֶה. וּבֶאֱמֶת אָז בְּוַדַּאי לֹא יָבוֹא בְּשׁוּם אֹפֶן וְיָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁיָּבוֹא קֹדֶם לִשְׁנַת ת"ר אוֹ לְאַחֲרָיו, אֲבָל בִּשְׁנַת ת"ר לֹא יָבוֹא בְּשׁוּם אֹפֶן מֵאַחַר שֶׁהָעוֹלָם מְצַפִּין לְאוֹתוֹ הַזְּמַן. וְהַכְּלָל בְּכָל עֵת וּזְמַן שֶׁנִּמְצָאִים מְחַשְּׁבֵי קִצִּים שֶׁאוֹמְרִים שֶׁיָּבוֹא בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן, אָז דַּיְקָא לֹא יָבוֹא בְּשׁוּם אֹפֶן בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן. **רַק בּוֹא יָבוֹא לֹא יְאַחֵר בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, בְּהֶסַּח הַדַּעַת לְגַמְרֵי**, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יַחְשְׁבוּ כְּלָל עַל אוֹתוֹ הַקֵּץ שֶׁיָּבוֹא, וּפִתְאוֹם יָבוֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן. (וראה עוד בביאור הענין בליקוטי הלכות הל' מתנה ה, ל"ג).

**ט.** ראה ליקוטי הלכות הל' תפילין ה' כ"ט-ל"ב.

מיר דארפן האבן א גאולה, מ'דארף האבן א ראש השנה, מיר דארפן האבן דעם רבי'נס ראש השנה! דער ראש השנה זאל ממתיק זיין אלע גזירות, אלע פחדים, און אלע מיני סארט זאכן וואס ס'טוט זיך אויף דער וועלט.

די וועלט מצד אחד גייט אראפ מטה מטה; די ירידת הדורות און די ירידת הדת גייט מטה מטה. די פריערדיגע ווערן נעלם, און די היינטיגע זענען קליינע מענטשן. בפרט די מנהיגי אומות און די מנהיגי המדינות זענען אוודאי קליינע מענטשן, גאר קליינע מענטשן, און זיי שפילן זיך מיט גרויסע זאכן. קליינע מענטשן, קליינע קינדער, שפילן זיך מיט גרויסע זאכן: זיי ווילן כובש זיין די גאנצע וועלט, זיי ווילן איינעמען די גאנצע וועלט, זיי ווילן משפיע זיין אויף די גאנצע וועלט, זייערע נארישקייטן.

אלץ כסדר מישן זיי זיך אריין אין אונזערע טעפלאך: נאר מ'לאזט אונז נישט גיין אין די ישיבות, נאר מ'לאזט אונז נישט גיין אין די חדרים, נאר מישט מען זיך אריין אין עפענען שולן, אין גיין אין מקוה, אין חתונה מאכן. כסדר זוכן זיי זיך נייע געשעפטן וואו צו ארייינשטופן זייער נאז, מ'זעט אז זיי ווערן נישט זאט.

## "והבדילנו מן התועים" (תורת הקורונה)

און ברוך ה', מיט די ביסל "עזות דקדושה" וואס איז געווען ביי אונז, האט מען זיי מבטל געווען און מ'האט זיי געוויזן דעם אמת'ן פרצוף זייערער. וואס מער ס'איז דא די עזות דקדושה, מ'האט נישט מורא פון זיי, מ'ווערט נישט נתפעל.

דער עיקר עזות דקדושה ווענדט זיך נישט אין דעם וואס מ'קען מער שרייען. עזות דקדושה איז א זאך, וואס ווי מער א מענטש איז בדעתו שטערקער', ווייסט ער אז זיי זענען באמת אנשים נבערים. זיי ווייסן נישט

י. ראה "אוצר היראה" ערך בושה ועזות.

פון גארנישט. זיי ווייסן נישט פון קיין רפואות און נישט פון קיין מחלות, נישט פון קיין עצות און נישט פון קיין שום מענטשליכקייט.

און אוודאי נישט אין אידישקייט, און אוודאי נישט פון זאגן קיין דעה וועגן עפענען חדרים, פארמאכן חדרים, עפענען ישיבות, און משוגע-מאכן בחורים יעדן מאנטיג און דאנערשטיג מיט נייע המצאות ווי צו צורודערן בחורים פון די ישיבות. נאכאמאל; מ'האט געכאפט איינעם מיט א שטיקל קרענק, און מ'האט צוגעמאכט די גאנצע ישיבה! מ'שטייט און מ'צורודערט, מ'מוטשעט.

זיי אליין, פאר זיך אליין, ווייסן אז אין זייערע 'געזונטע פלעצער' – די מיליטער און די אלע פלעצער וואס זיי ווילן האלטן געזונט – רעדט מען נישט אריין קיין איין ווארט פון אזעלכע זאכן... מ'גייט נישט משוגע מאכן מענטשן, ס'דארף זיך פירן אויף א געזונטן אופן. נאר מיר זענען ביי זיי אזוי ווי בעלי חיים, אזוי זענען מיר ביי זיי. אידישקייט איז ביי זיי עפעס א איבעריגע מעשה, אזוי ווי זיי פארשטייען אין אידישקייט... און זיי פראבירן פון אונז מאכן ליצי־ליצנות.

אבער ביי אונז, ווער ס'איז זוכה צו תמימות, צו גלייבן אין צדיקים – כלפי זיי איז ער נישט קיין תמים, ער פארשטייט מיט וועמען ער האט דא צו טאן[יא]. אבער ווער ס'האט נישט קיין תמימות צו די צדיקים, ווערט א 'תמים'

**יא.** ראה בליקוטי הלכות הל' הלואה ג, ט: אִי אֶפְשָׁר לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הָעַזֵּי פָּנִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר כִּי אִם עַל יְדֵי עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה **וְהֵם {הרשעים} סוֹבְרִין שֶׁכָּל הָעַזּוּת אֶצְלָם וְאֵין לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים וְהַתְּמִימִים שׁוּם עַזּוּת כְּלָל מֵחֲמַת שֶׁהֵם הוֹלְכִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.** עַל כֵּן סוֹבְרִים הָעַזֵּי פָּנִים שֶׁאֵין לְהַכְּשֵׁרִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוּם עַזּוּת וְעַל כֵּן רוֹצִים, חַס וְשָׁלוֹם, לְהִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם בְּעַזּוּתָם הָרָעָה לְבַלְבְּלָם מֵעֲבוֹדָתָם, חַס וְשָׁלוֹם וכו'. {אבל} אַדְּרַבָּא, בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים יֵשׁ לָהֶם עַזּוּת גָּדוֹל בְּיוֹתֵר, דְּהַיְנוּ עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה, כִּי אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל הַתּוֹרָה וְלִכָּנֵס בְּהַקְּדֻשָּׁה כִּי אִם עַל יְדֵי עַזּוּת. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, מִפְּנֵי מָה נִתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל? מִפְּנֵי שֶׁהֵן עַזִּין וְכַנַּ"ל. **וְעַל כֵּן עַל יְדֵי עַזּוּתָן דִּקְדֻשָּׁה בְּוַדַּאי יוּכְלוּ לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הָמָן הָרָשָׁע וְכֵן כְּנֶגֶד כָּל הָעַזֵּי פָּנִים שֶׁבְּכָל דּוֹר**, הַלֵּיצָנִים וְהַמַּלְעִיגִים הַמּוֹנְעִים מִדַּרְכֵי ה'.

און גייט זיי נאך "כצאן לטבחה": "ער האט געזאגט אזוי, ער האט געזאגט; ער האט געזאגט אז ס'איז פיקוח נפש, ער האט געזאגט אז מ'מוז אהער און מ'מוז אהין...".

אזוי ווערט מען פאר'תמ'ט, די גאנצע אידישקייט גייט אראפ, די גאנצע געפיל פון אידישקייט גייט אראפ. אלעס ווערט נאר: 'זיי האבן געזאגט', 'די סכנה איז אזוי', 'די סכנה איז...'. א גאנצע צייט טראכטן פון די סכנות, א גאנצע צייט טראכטן פון זייערע קטנות המוחין וואס זיי האבן אונז צו מציע זיין – פארלירט מען דעם גאנצן הרגש, פארלירט מען דעם גאנצן שטארקייט פון אידישקייט.

אבער פארקערט, דער וואס איז זיך מקשר צו די צדיקי אמת, ער איז זיך מקשר צו די אלטע צדיקים, צו די אמת'ע צדיקים. צו די הייליגע גמרא, צו דעם הייליגן שולחן ערוך, צו די הייליגע תורה נביאים וכתובים, צו די הייליגע מופתים הקדושים פון אבותינו, נביאינו ורבותינו – ער איז צוגעבונדן צו די ניסים פון יציאת מצרים, ניסים פון מתן תורה און די ניסים פון די אלע נביאים. די השגחה, די הייליגע השגחה און די גרויסקייט פון באשעפער! מ'האט א חיות אין א ווארט דאוועגען, מ'האט א חיות אין רעדן פון אויבערשטנ'ס גרויסקייט.

ער האט א חיות צו רעדן פון די מופתים פון די צדיקים כסדר, און ער ווייסט אז די תורה איז "**מגנא ומצלא**", און ער ווייסט אז "**שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע**"[יב]. און פארקערט, ער באקומט א חיות און ער האט נישט מורא, זיין בטחון ווערט שטערקער און שטערקער. ער האט א חיות צו מער איינרייסן און מער איינרייסן, מער לעבן אויף בטחון, מער זיין צוגעבונדן צום אויבערשטן. במילא האט ער מער ליב דעם אויבערשטן, האט ער מער מורא פון דעם אויבערשטן, ער פריידט זיך מער מיטן אויבערשטן, און איז מער

---

**יב.** קהלת ח, ה.

דבוק צום אויבערשטן. ער טראכט פון אויבערשטן, ער רעדט מיט זיינע חברים פון אויבערשטן, ער לעבט מיטן אויבערשטן!

און אז ער איז אזוי, ווערט ביי אים אסאך גרעסער דער "**וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים**". ער איז מבחין ווי אזוי קוקט אויס אן ערליכער איד, און ווי אזוי קוקט אויס א תועה – איינער וואס בלאנדז'עט, איינער וואס גלייבט נישט אין צדיקים, איינער וואס ווייסט נישט וואס ס'הייסט אז ס'איז דא צדיקי אמת. ער מיינט אז די תורה איז נאר דארטן; די ביסל לומדות מיט די ביסל חיצוניות שבתורה, די קליפת החיצונים שבתורה, וואס דריי־פערטל פון דעם ווערט ביי אים סם המות – אביסל גאוה, מיט לקנטר זיין, מיט אנדערע נארישקייטן. איז אוודאי, אזא איינער האט נישט קיין טעם אין דביקות, און האט נישט קיין טעם אין שמחה, אין שטארקייט, אין בטחון; אוודאי ווייסט ער נישט פון אזעלכע זאכן.

זעהט מען דעם "והבדילנו מן התועים". דער וואס גייט מיט די הייליגע צדיקים, איז מבחין: אט אזוי; לערנט מען אזוי, איז די תורה "סם החיים". לערנט מען אנדערש, איז די תורה, רחמנא ליצלן, ווערט אליין סם המות. קומט ארויס פון די תורה אליין, אז די גרעסטע מצוה איז צו מסר'ן אידן וואס גייען אין שול, און די גרעסטע מצוה איז צו רודפ'ן און פארשעמען איינער וואס גייט נישט קיין מאסקע!

עפעס א נייע תורה, "תורת הקורונה" [פון די קוראן, פון די אראבער... איך ווייס נישט פון וואו ס'האט זיך ארויסגעוואקסן...] – און די תורה וואקסט, ס'איז דא א גאנצע תורה, ס'וואקסט א תורה, א תורה פון רוח הטומאה. און אז דער אויבערשטער העלפט, איז מען עס מבחין, זעהט מען עס[יג].

---

**יג.** וראה בעל"ת מכתב ש"ע: מָה אֹמַר לְךָ בְּנִי חֲבִיבִי, בְּכָל יוֹם רוֹאִים אֲמִתַּת דִּבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל (סוֹף סֻכָּה) מַה שֶּׁאָמְרוּ עַל פָּסוּק צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ, שֶׁבְּכָל יוֹם יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְחַדֵּשׁ עָלָיו וְאִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ וְכוּ'. וְעַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִתְגַּבֵּר בְּכָל יוֹם כְּפִי בְּחִינָתוֹ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּיל לְכָל אֶחָד כְּפִי בְּחִינָתוֹ וכו' וְהַכֹּל כְּפִי הֲכָנַת הָאָדָם וּתְשׁוּקָתוֹ וְכִסּוּפָיו אֵלָיו

אבער וואו הויבט זיך אלעס אן? אלעס הויבט זיך אן פון כח הצדיקים. אז ס'איז דא צדיקי אמת, אז מ'גלייבט אין צדיקי אמת, און בפרט אז מ'גלייבט אין רבי'ן – וואס ער איז דער שורש פון צדיקי אמת. דער רבי זאגט[יד] אז ס'איז דא א צדיק וואס ער איז איינער; "**צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם**" מיינט כפשוטו איין צדיק, אנדערע צדיקים זענען ענפים פון דעם צדיק.

ס'איז דא דער צדיק וואס ער מאכט ראש השנה און ער איז ממתיק אלע דינים. מ'בינדט זיך צו, צו דעם צדיק אויף ראש השנה, מ'קומט צום רבי'ן אויף ראש השנה, און מ'ווייסט אז ס'איז נישטא קיין שום אנדערע חיות א

---

יִתְבָּרֵךְ וּלְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה וּלְהִתְקָרֵב לַצַּדִּיקִים וּכְשֵׁרִים הָאֲמִתִּיִּים כִּי בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה אֵיזֶה אִתְעֲרוּתָא דִּלְתַתָּא וְכוּ', **עַל כֵּן יְסוֹד הַכֹּל הוּא הַהִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק יְסוֹד עוֹלָם הַמֵּאִיר בְּכָל דּוֹר**. וְלוּלֵא זֹאת לֹא הָיָה מִתְקַיֵּם הָעוֹלָם; **עַל כֵּן חוֹבָה עָלֵינוּ לְהִתְגַּבֵּר לִשְׂמֹחַ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת עַל נְעִימַת חֶלְקֵנוּ. אַשְׁרֵינוּ וְכוּ', בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים בְּכַמָּה בְּחִינוֹת** וכו'.

**יד.** ליקוטי מוהר"ן תורה ע: וְהַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת עָפָר הַנַּ"ל, כִּי הַצַּדִּיק הוּא יְסוֹד עוֹלָם כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י): "וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם", וְכָל הַדְּבָרִים עוֹמְדִים עָלָיו. וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ כָּל הַדְּבָרִים אֵלָיו. **כִּי זֶה הַצַּדִּיק, הוּא רַק יָחִיד בָּעוֹלָם, שֶׁהוּא יְסוֹד עוֹלָם, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים נִמְשָׁכִים מִמֶּנּוּ, וַאֲפִלּוּ כָּל הַצַּדִּיקִים הֵם רַק עֲנָפִים מִמֶּנּוּ**, כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ. יֵשׁ שֶׁהוּא בִּבְחִינוֹת עָנָף, מִמֶּנּוּ, וְיֵשׁ שֶׁהוּא בִּבְחִינוֹת עָנָף מִן הֶעָנָף. כִּי זֶה הַצַּדִּיק הַיָּחִיד בָּעוֹלָם, הוּא עָנָו וְשָׁפָל, וּמֵשִׂים עַצְמוֹ כֶּעָפָר, בִּבְחִינוֹת "וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר". וְעַל־כֵּן הוּא יְסוֹד עוֹלָם, הַיְנוּ בְּחִינַת עָפָר, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים הֵם עָלָיו וכו'. וְזֶה הַצַּדִּיק, מַמְשִׁיךְ כָּל הַהַשְׁפָּעוֹת לָעוֹלָם, בִּבְחִינוֹת "וְעַפְרֹת זָהָב", שֶׁכָּל הַהַשְׁפָּעוֹת נִמְשָׁכִין מִבְּחִינוֹת עָפָר, מֵהַצַּדִּיק הַנַּ"ל.

וראה בליקו"ה חזקת מטלטלין ד, א: הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא עָנָו כְּמֹשֶׁה וּמֵשִׂים עַצְמוֹ כֶּעָפָר, עַל־כֵּן הוּא יְסוֹד עוֹלָם, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, וְהוּא מַמְשִׁיךְ כָּל הַהַשְׁפָּעוֹת לָעוֹלָם, וְהוּא מַמְשִׁיךְ אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ לְמַטָּה, כִּי הוּא מְקַיֵּם אֶת הַמִּשְׁכָּן שֶׁשָּׁם נִמְשָׁךְ אֱלֹקוּתוֹ וּכְבוֹדוֹ יִתְבָּרֵךְ, בְּחִינַת "וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן". וְכָל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם רְאוּיִים שֶׁיִּמְשְׁכוּ לָזֶה הַצַּדִּיק שֶׁהוּא יְסוֹד וְשֹׁרֶשׁ הַכֹּל, אַךְ שֶׁיֵּשׁ כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ שֶׁמַּפְסִיק וּמַרְחִיק מִמֶּנּוּ וכו'. (ובענין 'צדיק יסוד עולם' ראה גם בליקו"מ תנינא תורות ס"ו ס"ז).

גאנץ יאר – נאר דער ראש השנה. און א גאנץ יאר, **אין יעדער פחד וואס מ'האט**[טו]**, ווייסט מען: וואס וועט זיין די המתקה דא? דער ראש השנה!**

אזוי ווי רבי נתן שרייבט[טז]: "ראש השנה ביסטו געווען, ראש השנה וועסטו זיין". מיט דעם האב איך די שטארקייט צו ממתיק זיין אלע דינים, אלע פחדים, אלע דאגות. יעדער איינער, אלע צרכים וואס ער דארף אנקומען, אלע פרטי'שע צרכים.

א בחור דארף א ישועה, ער דארף א חתן ווערן, ער דארף חתונה האבן, ער דארף זיך בויען. און שפעטער ווייטער; דארף מען פרנסה, מ'דארף קינדער, מ'דארף געזונט - **אלעס וואס מ'דארף בגשמיות - און ברוחניות נאך אוודאי און אוודאי, אלעס איז תלוי אין דעם ראש השנה פון רבי'ן!** אלעס איז תלוי אין דעם כח הצדיק!

---

**טו.** ראה על"ת מכתב תנ"ה: וְהָעִקָּר שֶׁאַל תִּירָא **וְאַל תִּפְחַד כְּלָל** כִּי ה' עִמְּךָ כְּמוֹ שֶׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ ז"ל שֶׁצְּרִיכִים לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר בְּזֶה הָעוֹלָם וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִפְחַד. **וְהָעִקָּר הָעוֹלֶה עַל הַכֹּל הוּא כֹּחַ גָּדוֹל שֶׁל אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ ז"ל, אֲשֶׁר זָכִיתָ לִבְלִי לִהְיוֹת מִתְנַגֵּד עָלָיו, אַף גַּם לִהְיוֹת עַל צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ שֶׁלּוֹ, בִּפְרָט בִּימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּתוֹךְ כְּלָל אֲנָשָׁיו הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁלּוֹ** וכו'.

**טז.** ראה על"ת מכתב תל"ח: ..וְעַתָּה אַתָּה אֵינְךָ צָרִיךְ לַחֲשֹׁב שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת אֵיךְ לָצֵאת יְדֵי חוֹבַת הַיּוֹם, רַק לְדַלֵּג עַל הַיּוֹם. נָאר אִבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען [לְדַלֵּג] בְּכָל מַה שֶּׁתּוּכַל. וְאַל תַּחֲשֹׁב עַל מַה שֶּׁעָבַר מִכָּל־שֶׁכֵּן שֶׁלֹּא לַחֲשֹׁב כְּלָל עַל לְהַבָּא. אוּן מֶע הָאט גָאר נִיט צוּ טָאן. סֶע וֶועט אַלְץ אִיבֶּער פְלִיהֶען. אוּן מִיר הָאבִּין אָף אֶימִיצִין צוּ דוּפִין. גָאט אִיז גְרוֹיס אוּן גְרוֹיס אוּן מֶע וֶוייסְט גָאר נִיט אוּן פִּירְט תָּמִיד אוֹיס. **אָף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיסְטוּ גִיוֶוען אוּן וֶועסְט זַיין בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, וְהַכֹּל יִתְהַפֵּךְ לְטוֹבָה עַל יְדֵי הַנִּגּוּן שֶׁל ע"ב נִימִין וכו' וכו' וְגַם עַתָּה אַתָּה צָרִיךְ לַהֲפֹךְ הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה לְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה. וְכָל מַה שֶּׁאַתָּה גָּרוּעַ יוֹתֵר בְּעֵינֶיךָ אַתָּה צָרִיךְ לִשְׂמֹחַ בָּזֶה בְּיוֹתֵר, וְלַהֲפֹךְ עֹצֶם הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה **שֶׁגָּרוּעַ כָּזֶה זָכָה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וּלְהִשְׁתַּטֵּחַ עַל הַצִּיּוּן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא כָּזֶה** שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ שׁוּם הִסְתַּכְּלוּת בְּזֶה הָעוֹלָם וכו' וְהוּא יָכוֹל לְהוֹצִיא כָּל הָעֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים וְכוּ' וּלְרַפְּאוֹת הַכֹּל וכו' וכו'. וְהָבֵן הֵיטֵב לִשְׂמֹחַ בָּזֶה הַרְבֵּה.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "**גאר מיין זאך איז ראש השנה. איי, אנדערע צדיקים זאגן נישט אזוי? איז נאך א קשיא...**" [יז]. "**דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה דער ראש השנה**[יח]". אזוי האט דער רבי געזאגט: דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה, דער ראש השנה.

ס'איז א זאך, א גרויסקייט וואס איז א סוד: אז דער רבי, ווי גרויס דער רבי איז, האט ער עס באקומען דעם ראש השנה, אז זיין זאך ראש השנה. דעם רבי'נס גרויסקייט ווערט נתגלה; דער רבי אליין האט געזאגט [יט] אז **ראש השנה באווייזט ער זאכן וואס א גאנץ יאר קען ער נישט באווייזן**. ראש השנה – דארט איז דער התגלות כוחו פון דעם רבי'ן.

---

**יז.** חיי מוהר"ן ת"ו: אַחַר־כָּךְ עָנָה הוּא זַ"ל וְאָמַר בְּקוֹל חָזָק מֵעֹמֶק הַלֵּב וּמָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, הַיְנוּ מִלִּהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן בְּקוֹל זִיעַ סַגִּיא "**וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגִין, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַאר הַאנֶין. אַיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע יוֹדִין זָאגִין נִיט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַקַשְׁיָא**" [מָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, וְאִם צַדִּיקִים אֲחֵרִים אֵינָם אוֹמְרִים כָּךְ אָז עוֹד קֻשְׁיָא] (כְּלוֹמַר הֲלֹא בְּלֹא זֶה כְּבָר מַקְשִׁין עָלָיו קֻשְׁיוֹת הַרְבֵּה וְיִהְיֶה קָשֶׁה עוֹד קֻשְׁיָא זֹאת גַּם־כֵּן מַה שֶּׁהִקְפִּיד כָּל כָּךְ לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה דַּיְקָא).

**יח.** חיי מוהר"ן ת"ה: עָנָה וְאָמַר הָראֹשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק **הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ־הַשָּׁנָה**.

**יט.** חיי מוהר"ן ת"ו: לְעִנְיַן רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁצְּרִיכִין לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה דַּיְקָא, אָמַר **שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן**, אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִלּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף־עַל־פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר **שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת**.

## א גאנץ יאר ראש השנה

עד כדי כך, אז דער רבי האט געזאגט[כ] אז **גלייך נאך ראש השנה הערט ער זיך שוין צו, ווי מ'וועקט אויף צו סליחות אויף איבער א יאר.** ער הערט שוין; גלייך איז ער שוין פארנומען זיך צו גרייטן אויפן נייעם ראש השנה. דאס הייסט:ביים רבי'ן, פון נאך ראש השנה, איז שוין אלעס נאר א הכנה צום אנדערן ראש השנה.

שטייט אין ליקוטי הלכות, **הלכות תפילין הלכה ה',** ס'איז באוואוסט א גרויסע אריכות. רבי נתן איז דארט מסביר אז ס'איז דא תפילין של ראש און תפילין של יד. תפילין של ראש דאס איז תפילין פון צדיק, און תפילין של יד דאס איז תפילין פון כנסת ישראל, פון עמך ישראל. ס'איז דא א חילוק, יעדער איינער האט א אנדערע שם (כמבואר בכתבי האר"י). תפילין של יד האט איין שם, תפילין של ראש האט א אנדערע שם.

רבי נתן איז דארטן מסביר באריכות, און דער עיקר איז די למעשה פון דעם. רבי נתן איז מסביר אזוי[כא]: דער צדיק האמת, זיין דבקות צום אויבערשטן איז, אז ווי ער איז זוכה צו א מדריגה, פארזאמט ער זיך נישט. גלייך נאכדעם געבט ער זיך א ווארף אריין אין א קטנות. ער האט שוין זוכה געווען צו א מדריגה, געענדיגט. ער געבט זיך א ווארף אריין אין א קטנות, אזוי ווי איינער שלא טָעַם טַעַם יהודי מעולם; ער ווייסט בכלל נישט וואס הייסט א איד... ערווארפט זיך אריין צו אזא קטנות, און ער הויבט אן צו בענקען אזוי ווי א גרוע שבגרועים: "ווי אזוי איז מען זוכה צו זיין א איד?",

**כ.** שיחות הר"ן רט"ו: אָמַר: אֶצְלִי הָעִקָּר הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְתֵכֶף כְּשֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אֲנִי מַטֶּה אָזְנִי וְשׁוֹמֵעַ אִם מַכִּין בַּכֹּתֶל לְעוֹרֵר לִסְלִיחוֹת לַשָּׁנָה הַבָּאָה.** כִּי אֵין שׁוּם זְמַן כְּלָל, כִּי כָּל הַשָּׁנָה חוֹלֵף וְעוֹבֵר כְּהֶרֶף עַיִן. (וראה בליקוטי הלכות הל' ברכות הראייה ה, יז).

**כא.** ראה אותיות כ"ה, כ"ו.

און רייסט זיך צום אויבערשטן, און רייסט זיך, און רייסט זיך... ביז דער אויבערשטער גיט אים א נייע מדריגה. ער רייסט זיך און רייסט זיך... דאס איז א שארפער וועג וואס נאר דער צדיק קען גיין, און דאס איז "תפילין של ראש".

"תפילין של יד" דאס איז דער וועג פון עמך ישראל. עמך ישראל, אז מ'איז זוכה צו א מדריגה, פריידט מען זיך מיט די מדריגה. שפעטער, וויבאלד מיר זענען נישט קיין גרויסע מענטשן, די מדריגה האלט זיך נישט אזוי, און נאך די מדריגה גייט נאך ווייטער איבער. איז פריידט מען זיך מיט די מדריגה וואס מ'האט שוין זוכה געווען, אפילו ס'גייט איבער גלויבט מען: "איך האב זוכה געווען! איך האב זוכה געווען!", מ'האלט זיך. אזוי; ס'גייט איבער און מ'בענקט, מ'בענקט זיך צו האלטן אין אידישקייט. העלפט דער אויבערשטער און שפעטער באקומט מען נאך א מדריגה.

דאס הייסט אז דער וועג פאר אונז איז זיך פרייען מיט וואס מ'האט זוכה געווען, און נאך דעם באקומט מען די אנדערע מדריגה. אבער דער צדיק, ער רייסט זיך כסדר. דערפאר, ראש השנה – ביים רבי'ן אליין, גלייך ס'ווערט אויס ראש השנה, ער איז שוין, געענדיגט, ער טראכט שוין נאר אויף דעם אנדערן ראש השנה. ס'אינטערעסירט אים שוין גארנישט, נאר: "ווי אזוי איז מען זוכה צו דעם נייעם ראש השנה?".

אבער פאר אונז האט דער רבי געזאגט[כב]: מיר דארפן זיך פרייען א גאנץ יאר מיטן ראש השנה! **מיר דארפן א גאנץ יאר זיך פרייען: "מיר האבן זוכה געווען צו א ראש השנה!"**, זיך פרייען מיט ראש השנה. ס'גייט איבער א גאנץ יאר וואס ס'גייט איבער, אבער ברוך ה' איך בין געווען ראש השנה ביים

---

**כב.** חיי מוהר"ן ת"ג: וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד. וראה בעל"ת מכתב ר"נ: וְאַל תִּשְׁכַּח שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל הָיִיתָ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַזֶּה בְּתוֹךְ עֵדָה קְדוֹשָׁה וְנוֹרָאָה כָּזֹאת. וּכְבָר הִזְהִירָנוּ הוּא זַ"ל (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תג) שֶׁמִּי שֶׁהוּא אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה צָרִיךְ לִשְׂמֹחַ בְּכָל הַשָּׁנָה. וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", כִּי הַמִּקְרָא הַזֶּה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

רבי׳ן, און דער ראש השנה איז ממתיק דעם גאנצן יאר. א גאנצן יאר ציט מען כוחות פון דעם, און שפעטער הויבט מען אן בענקען צום נייעם ראש השנה. **פון דעם וואס מ׳האט זוכה געווען צום פריערדיגן ראש השנה, האט מען כוחות צו בענקען אויף דעם נייעם ראש השנה.**

אבער דער רבי אליין, ביי אים, ווי ער ענדיגט א ראש השנה – וויל ער שוין גארנישט וויסן, ער וויל נאר דעם נייעם ראש השנה. ווייל ביים רבי׳ן, ער דינט דעם אויבערשטן מיט אזא זריזות, אז ער האט א ראש השנה – ס׳ווערט איינגעפאקט אין פעקל, ס׳איז שוין אינעווייניג. ס׳איז שוין נישטא וואס צו רעדן בכלל פון דעם. ער טראכט שוין בכלל נישט פון דעם; ער טראכט שוין פון דעם נייעם ראש השנה.

## זיך רייסן צום ראש השנה...

על כל פנים, אבער מיר דארפן וויסן: מיר האבן א רבי׳ן וואס דער גאנצער מציאות זיינע איז ראש השנה. ער ענדיגט א ראש השנה, איז זיין גאנצער קאפ שוין ביי דעם אנדערן ראש השנה. מיר האבן א ראש השנה׳דיגן רבי׳ן... ביים רבי׳ן איז א גאנצע צייט ראש השנה! מיר דארפן זיך פרייען מיטן ראש השנה. ביים רבי׳ן קאכט ראש השנה א גאנצע צייט, א גאנצע צייט! דאס איז דער רבי. דער רבי איז א רבי פון ראש השנה.

בפשטות איז, אז דער רבי האט גענומען דעם ראש השנה. וואס הייסט טאקע אז דעם רבי׳נס זאך איז ראש השנה? פשט איז ווייל ראש השנה דאס איז דער "**מקור הדינים**"[כג]. און ווייל דער רבי׳נס זאך איז אזוי גרויס, דער רבי

---

**כג.** ראה ליקוטי מוהר״ן סימן רי״א: מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: כֻּלְּהוּ בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ (עיין זוהר פקודי רנד:) וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף" מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַיְנוּ

איז אזוי גרויס. און וואס איז זיין גרויסקייט? זיין גרויסקייט איז, אז ער קען אלע דינים ממתיק זיין. הא גופא – דאס איז זיין גרויסקייט!

יעדער איינער איז גרויס, זאגט מען, ביז די 'בחינה'... א מענטש איז גרויס, אבער ער קומט צו מאכן א בחינה – ציטערט ער קָדָחות. ער ציטערט, ער ציטערט. אבער ס'איז דא איינער – וואס ווייסט "איך ציטער נישט", ער קען אריבערגיין די בחינה. דער רבי איז דער שלימות הצדיקים, דער שלימות וואס ער נעמט די גרעסטע דינים און ער איז עס ממתיק. דערפאר איז דעם רבי'נס זאך ראש השנה, ווייל דאס גופא איז זיין גרויסקייט. זיין גרויסקייט איז, אז דער רבי נעמט די גרעסטע דינים און איז ממתיק.

און מיר, אז מיר ווילן המתקת הדינים, דארפן מיר זיך אנשפארן אויפן רבי'ן, זיך אנשפארן אויפן רבי'נס ראש השנה, און מיט דעם ווערן נמתק אלע דינים שבעולם. דעם רבי'נס ראש השנה, דאס איז אונזער חיות א גאנצן יאר... דער גאנצער חיות!

אבער דאס איז אלעס בימים כתיקונם. אבער אז מ'הערט אזעלכע זאכן, אז מ'שאקלט אונז מיטן ראש השנה... מ'שאקלט אונז, מ'זאגט אונז אז ס'איז גארנישט אזוי פשוט היינטיגע יאר – דארף מען רייסן וועלטן! רייסן הימלען... רייסן, רייסן, רייסן שטיקער - - -

וואס הייסט? דער אויבערשטער זאל אויסהיטן! היה לא תהיה... רבונו של עולם האב רחמנות אויף אונז, מיר קענען נישט! לא יעלה על הדעת חס ושלום... לא יעלה על הדעת חס ושלום, זאל זיין דער קלענסטער רפיון אין ראש השנה – **מיר מוזן דעם ראש השנה!!! ראש השנה דארף זיין נאר "מעלין בקודש ואין מורידין" - זאל זיין נאר מוסיף**, נישט חס ושלום קיין שום ירידה אין ראש השנה.

---

שֶׁ אֵין שְׁלֵמוּת לְמחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים **וְראשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה** וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם **וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים** כְּדֵי לִזְכּוֹת לְקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה. (וראה בליקו"ה בית הכנסת ה', כ"ג ובתורה ס"א אות ו').

מיר האבן קיין שום כח נישט, מיר האבן נישט קיין כח – נישט קעגן די קליפות פון די גוים און פון די ציונים, און נישט פון די אלע קליפות וואס טוט זיך אין די גאסן... נסיונות אן קיין שיעור וואס טוט זיך... נסיונות פון אינעווייניג, מיט אלע שוועריקייטן, מיט די צרות וואס מענטשן מאכן מיט. מיר האבן נישט קיין שום כח קעגן די אלע זאכן...

**נאר דער רבי!**

**נאר דעם רבי'נס ראש השנה!**

**מיר קענען נישט מסיח דעת זיין פון דעם - - -**

דארף מען זיך כסדר קאכן אין דעם. כסדר; שחרית, מנחה, מעריב, אין יעדער דבר שבקדושה. זוכן דעם ראש השנה, בעטן דעם אויבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צום ראש השנה. זיך פרייען מיט די ראש השנה'ס וואס מיר האבן שוין זוכה געווען, און זיך ווייטער רייסן צו זוכה זיין צום ראש השנה פון רבי'ן.

## "מעשה מהכסא"

ס'איז דא א גילוי וואס דער רבי האט מגלה געווען אויף ראש השנה (חיי מוהר"ן פ"ד): "**מַה שֶּׁסִּפֵּר קֹדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה תקס"ט, סוֹף קַיִץ תקס"ח**". תקס"ח – דאס איז שוין געווען די יאר וואס דער רבי איז שוין געווען קראנק, דער רבי איז שוין געווען אין לעמבערג. ווינטער תקס"ח, נאך סוכות, איז דער רבי געפארן קיין לעמבערג, ער איז שוין געווען א חולה מסוכן, דער אויבערשטער האט אים געגעבן נאך אביסל צייט צו לעבן. ער איז צוריק געקומען פון לעמבערג פרשת בלק, תמוז תקס"ח, און ער איז שוין געווען זייער שוואך[כד].

---

**כד.** ראה כ"ז בחיי מוהר"ן קס"ז, קס"ט, קפ"ב, קפ"ג. ובימי מוהרנ"ת ח"א סימן כ"ז.

איז פאר ראש השנה, סוף זומער תקס"ח: "**וּבְאוֹתוֹ הָעֵת הֵבִיא לוֹ הַשּׁוֹחֵט מְטֶעפְּלִיק כִּסֵּא נִפְלָאָה**", ער האט געברענגט א שטול, "**וְסָמוּךְ לָזֶה סִפֵּר זֹאת שֶׁרָאָה בַּמַּרְאָה אוֹ בַּחֲלוֹם, שֶׁהֵבִיאוּ לוֹ כִּסֵּא**", מ'האט געברענגט פאר'ן רבי'ן א שטול, "**וְהָיָה אֵשׁ סְבִיבָהּ**", א פייער איז געווען ארום דעם שטול. נישט קיין פשוט'ער שטול; א פייער איז געווען ארום דעם שטול!

"**וְהָלְכוּ כָּל הָעוֹלָם אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטַף לִרְאוֹתָהּ**", די גאנצע וועלט, אנשים נשים וטף, זענען געגאנגען זעהן דעם שטול. אזא שטול, וואס די גאנצע וועלט, אנשים נשים וטף, דארפן קומען זעהן. "**וּכְשֶׁחָזְרוּ מִשָּׁם**", ווען זיי האבן צוריק געקומען פון דעם שטול, "**אֲזַי תֵּכֶף נִתְקַשְּׁרוּ זֶה עִם זֶה**", ס'איז געווען דארט א התקשרות, "**וְנַעֲשָׂה שִׁדּוּכִים בֵּינֵיהֶם**", ס'איז געווארן א התקשרות פון שידוכים וזיווגים צווישן זיי. "**וְגַם כָּל מַנְהִיגֵי הַדּוֹר כֻּלָּם הָלְכוּ לִרְאוֹתָהּ**", אלע מנהיגי הדור זענען געגאנגען זעהן דעם שטול.

"**וְשָׁאַלְתִּי כַּמָּה הִיא רְחוֹקָה**", ווי ווייט איז דער שטול? "**וּמִפְּנֵי מָה תֵּכֶף נַעֲשׂוּ שִׁדּוּכִים**", וואס איז די מעשה, אז גלייך נאך וואס מ'איז צוריק געקומען, איז געווארן פול שידוכים? "**וְהָלַכְתִּי וְהִקַּפְתִּי סְבִיבָם לֵילֵךְ שָׁם**", דער רבי דערציילט אויף זיך: ער איז געגאנגען, ער האט זיך געדרייט ארום די מענטשן וואס זענען געגאנגען זעהן דעם שטול.

"**וְשָׁמַעְתִּי שֶׁהוֹלֵךְ וּבָא רֹאשׁ־הַשָּׁנָה**", איך האב געהערט אז אט קומט צו גיין ראש השנה. "**וְהָיִיתִי מְסֻפָּק אִם לַחֲזֹר אִם לְהִתְעַכֵּב שָׁם**", איך האב נישט געוואוסט וואס צו טאן. איך גיי דארטן, און ביז דערווייל דערנענטערט זיך ראש השנה. פריער האט ער דאך געפרעגט: "ווי ווייט איז דער שטול?" ער האט מורא געהאט אז ס'איז צו ווייט, און ער וועט שוין נישט אניאגן צוריקצוקומען. "**וְהָיִיתִי נָבוֹךְ בְּדַעְתִּי, וְאָמַרְתִּי בְּלִבִּי אֵיךְ אֶשָּׁאֵר בְּכָאן עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה**", ווי וועל איך דארט בלייבן אויף ראש השנה? ביי דער פלאץ פון דעם שטול? איך דארף דאך צוריק קומען.

"**וְאָמַרְתִּי בְּדַעְתִּי לְפִי הַגּוּף חָלוּשׁ שֶׁיֵּשׁ לִי**", נאכדעם וואס ער איז שוין געווען אזוי קראנק, "**לָמָּה לִי לַחֲזֹר?**" וואס דארף איך צוריק גיין?

"**וְהָיִיתִי שָׁם**", דער רבי איז געווען דארט. אזוי האט דער רבי גע'חלום'ט, אזוי האט ער געזעהן במראה.

איז דער רבי ממשיך: "**וּבָאתִי לְהַכִּסֵּא, וְרָאִיתִי שָׁם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה מַמָּשׁ**". נישט ווי מ'זאגט: ראש השנה איז עפעס א טאג, וואס מ'רופט אים ראש השנה. "איך האב געזעהן ראש השנה" – ראש השנה ממש. איך האב געזעהן א בריאה, א מציאות – א מציאות פון ראש השנה.

## א 'השגה' אין תאוות...

דער רבי זאגט אויף א פלאץ[כה], טאקע אויף היינטיגע פרשה (חוקת), "**זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם**" – די תורה איז בחינת "אדם". אז א מענטש איז משיג די תורה, זאגט דער רבי אז די השגת התורה איז "אדם".

א מענטש איז משיג תורה; א מענטש לערנט, ער לערנט א בלאט גמרא, וואס האט ער פארשטאנען? איך ווייס נישט. ער קען מאכן בחינות, ער קען, ער זאגט נאך: דא שטייט אזוי, דא שטייט אזוי. נו, איז וואס קען ער? ער קען די חיצוניות התורה. ער ווייסט צו נאכזאגן וואס ס'שטייט.

אבער איינער וואס ער האט זוכה געווען צו מער משיג זיין די תורה, מער מעיין זיין אין די תורה, מער זיך מדבק זיין צו די תורה, ער איז שוין מער מרגיש אין די תורה, מער עפעס א שכל, מער א פנימיות. און אזוי איז דא מער און מער.

אבער ס'איז דא איינער וואס ער האט נישט קיין שייכות מיט די תורה. די תורה איז ביי אים א דבר חיצוני. ער האט א השגה?! אין תאוות האט ער א השגה...! הנאות עולם הזה, דאס רעדט צו אים. א תאווה דארף מען אים

---

**כה.** ליקוטי מוהר"ן תורה רמ"ה (בהמשך השיעור חוזר לקרוא מבפנים לשון התורה).

נישט משכנע זיין, ער געבט א זע א תאווה – איז ער צושפילט. מ'דארף אים נישט מסביר זיין גארנישט, מ'דארף אים נאר איינהאלטן.

די תאוות דארף מען אים גאר נישט משכנע זיין, ער זעט עס 'עין בעין'... פארוואס? ער האט אזעלכע מגושם'דיגע אויגן, אז ער זעהט נאר תאוות. תאוות איז ביי אים פאקטן. ווען רעדן מיט אים אביסל קעגן תאוות, זאגט ער: "הער זיך איין, דו רעדסט שיינע דרשות... די תאווה איז א פאקט", ביי אים איז די תאווה א פאקט.

נו, וואס מיינט ער? אז מיט די תאוות וועט ער בלייבן לנצח־נצחים? א מענטש וואס ער איז נעבאך, די תאוות איז ביי אים א פאקט, און די אידישקייט איז ביי אים טויט, דארף ער נאך א גרויסן גרויסן זיכוך... מיט וואס גייט ער לעבן לנצח נצחים?!

אבער אז א מענטש ארבעט זיך אויס, דער אויבערשטער העלפט, און די תאוות הויבט אן צו ווערן אביסל.. ער הויבט אן פארשטיין אז די תאוות איז אזוי ווי א שיכור; ער האט זיך אנגעטרונקען מיט בראנפן, ס'שפילט אים עפעס... ער ווייסט אז ס'איז גארנישט. ס'מוטשעט אים עפעס א זאך... אבער ער ווייסט אז ס'איז גארנישט. די אידישקייט, די תורה, הייבט אן ווערן ביי אים א פאקט. א שבת ווערט א שבת, א ראש השנה ווערט א ראש השנה, תפילין ווערט תפילין. יעדע זאך הויבט אן ווערן א מציאות.

הייליגע תפילין! איך געדענק ס'איז געווען א איד אין בני ברק, א ברסלב'ר חסיד, ר' **יעקב זעליג אורלנצ'יק**. א תמימות'דיגער איד, געווען א מילכיגער אלע יארן, א פשוט'ער מענטש, אבער א תמימות'דיגער ברסלב'ר חסיד. ער איז שוין געווען אויף דער עלטער אזוי, ער האט שוין נישט געהאט קיין כח. ער האט געדאוונט, ער האט גענענדיגט דאווענען, האט ער אויסגעטאן די תפילין: "**ברוך ה', יעצט האט מען אויסגעטאן די רש"י תפילין... און יעצט גייט מען אנטאן די רבינו תם'ס תפילין...**".

ער האט גערעדט אזוי ווי איינער ענדיגט עסן: "יעצט האט מען גענדיגט די פיש, יעצט גייט מען עסן די יוך". ער האט גערעדט אזוי... א

תמימות'דיגער איד. **די אידישקייט האט געלעבט ביי אים:** "אה, ברוך ה', מ'האט יעצט אויסגעטאן די רש"י תפילין! און יעצט גייט מען אנטאן די רבינו תם'ס תפילין - - -".

א איד איז זוכה, מיט די צייט קלעפט זיך אן; אידישקייט ווערט אנגעקלעפט ביי אים. **די תאוות שאקלט זיך אפ פון אים, און די אידישקייט הויבט אן קלעפן אין אים.** ס'איז דא אין דעם אליין אסאך מדריגות.

## דער טעם פון לערנען עלעוו שעה נאכאנאנד...

"זאת התורה אדם", זאגט דא דער רבי. "**זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם**" – אז די תורה, וואס איז די תורה? די תורה איז "אדם". אלע ווייסן אז די תורה איז רמ"ח איברים ושס"ה גידים, רמ"ח מצות עשה און שס"ה לא תעשה, די תורה האט א צורת אדם[כו]. זאג א מענטש אז די תורה האט א צורת אדם – וואו זעהט ער א צורת אדם? ער איז ווייט פון די תורה.

זאגט דער רבי, תורה רמ"ה: "**דַּע שֶׁיֵּשׁ חַדְרֵי תּוֹרָה**"[כז] – חדרי תורה! ס'איז דא מענטשן וואס דרייען זיך אינדרויסן פון די תורה, ס'איז דא חדרי תורה!

---

**כו.** ראה בהוספות תורות מכת"י רביז"ל (מובא בסוף ליקו"מ): **וְאָדָם זֶה בְּחִינַת "זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם", כִּי בָּהּ קַלּוֹת וַחֲמוּרוֹת, וְיֵשׁ בָּהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה רַמ"ח אֵבָרִים וְשְׁסַ"ה גִּידִים.** וראה בליקוטי הלכות הל' יבום ג, ב: כִּי הָאָדָם הוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה, כִּי כָּלוּל מֵרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת מִצְוַת עֲשֵׂה וּמִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה שֶׁבַּתּוֹרָה. וְזֶה בְּחִינַת זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם, כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. [..] כְּמוֹ כֵן הָאָדָם שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל וכו'. כִּי כְּשֶׁנּוֹלָד אָדָם בָּעוֹלָם וְנִמְשָׁךְ נְשָׁמָה בָּעוֹלָם זֶה בְּחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת הַתּוֹרָה מַמָּשׁ, כִּי הָאָדָם הוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל וְהוּא קִיּוּם הָעוֹלָם, כִּי לֹא תֹהוּ בְרָאָהּ לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ, כִּי אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם מְקַיְּמִין הַתּוֹרָה בְּכָל דּוֹר וָדוֹר וְהֵם בְּעַצְמָן בְּחִינַת הַתּוֹרָה, כִּי אוֹרָיְתָא וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְיִשְׂרָאֵל כֻּלָּא חַד.

**כז.** בגמ' בקידושין (דף י:) 'מוחזק הייתי בך שאתה בקי בחדרי תורה', ע"כ. ובילקוט שמעוני שיר השירים (רמז תתקפ"ב) על הפסוק "הביאני המלך חדריו" - 'אלו חדרי תורה', ע"כ. (ליקו"מ עם פירוש עוטה אור).

**– "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לָהֶם, כְּשֶׁמַּתְחִיל לְחַדֵּשׁ בַּתּוֹרָה, הוּא נִכְנָס בְּהַחֲדָרִים וְנִכְנָס מֵחֶדֶר לְחֶדֶר וּמֵחֶדֶר לְחֶדֶר. כִּי בְּכָל חֶדֶר וְחֶדֶר יֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה פְּתָחִים לַחֲדָרִים אֲחֵרִים וְכֵן מֵאוֹתָן הַחֲדָרִים לַחֲדָרִים אֲחֵרִים, וְהוּא נִכְנָס וּמְטַיֵּל בְּכֻלָּם, וּמְלַקֵּט מִשָּׁם אוֹצָרוֹת וּסְגֻלּוֹת יְקָרוֹת וַחֲמוּדוֹת מְאֹד. אַשְׁרֵי חֶלְקוֹ".**

מ'דארף וויסן אז ס'איז דא אזא זאך. מ'דארף וויסן אז די תורה, דאס איז "חדרי תורה"; ס'גייט טיפער און טיפער און טיפער...

איינער זעצט זיך לערנען; ער האט שוין געלערנט צען מינוט – שוין, ער האט שוין נישט קיין כח. ער איז איבערגעשטרענגט, ער האט שוין נישט קיין כח. ער דארף 'לפקח דעתו', ער דארף שוין אהער, ער דארף שוין אהין.

איינער וואס האט שוין גע'פועל'ט ביי זיך צען מינוט... שוין. א האלבע שעה – שוין! הער זיך איין, ער מוז שוין ארויסגיין כאפן לופט.

איינער האט שוין גע'פועל'ט ביי זיך, א האלבע שעה קען ער לערנען – אבער א שעה? א שעה לערנען?!

ער האט שוין גע'פועל'ט א שעה – אבער צוויי שעה? צוויי שעה נאכאנאנד לערנען?!

איינער לערנט שוין צוויי שעה – אבער דריי שעה? דריי שעה לערנען?! אבער פיר שעה?!

אזוי, יעדער איינער שטעלט זיך ערגעץ אפ.

דאס איז אלץ ווייל ער האט נאכנישט זוכה געווען צו די נשמה פון די תורה. די תורה; וואס ער לערנט, שטרענגט ער זיך גאר שטארק אן, ביז אינמיטן – געגוג. הער זיך איין, וויפיל קען מען?

איינער האט אמאל דערציילט[כח]: דער "**חזון איש**" האט אמאל גערעדט מיט – איך האב פארגעסן מיט וועמען ס'איז געווען, איינער וואס איז

**כח.** הסיפור מובא בספר מעשה איש ח"ד עמ' ס"ט: בביתו של החזו"א ז"ל היה גג רחב שבו היו מתפללים בימים הנוראים. המקום היה גדול יותר מבית המדרש שבבית, ומשום טירחא דציבורא נשארו שם הספסלים בכל ימי חודש תשרי גם בימני החול. והנה באחד מעשרת ימי

שפעטער געווארן פון די גדולי הדור, פון די וואס האבן זיך געדרייט ביים חזון איש - זיי האבן אמאל געזעצן אויף א דאך און פארברענגט עפעס אזוי. דער חזון איש איז אינמיטן אנגעקומען, און האט אנגעהויבן מסביר זיין וואס הייסט לערנען א שעה, און וואספארא טעם ס'איז דא אין א שעה תורה.

דערנאך האט ער מסביר געווען וואס ס'געשעט ווען מ'לערנט א צווייטע שעה [איך האב שוין פארגעסן פונקטליך ווי אזוי... בשעתו האב איך עס געדענקט מיט אלע פרטים]. ער האט מסביר געווען אז אין דער צווייטער שעה פילט מען שוין אזא טעם, און אין דער דריטער שעה – נאך דריי שעה לערנען – דעמאלטס איז שוין גאר... און אזוי ווייטער, ביי פיר שעה... ביז ער איז צוגעקומען צו עלעוו שעה! אז ווען מ'לערנט שוין עלעוו שעה נאכאנאנד, וואספארא סארט טעם דאס איז...

**איי, ס'איז געווען אידן וואס האבן זיך פשוט מדבק געווען אין די תורה... פשוט, געזעצן דבוק אין די תורה... זיי זענען געגאנגען אין "חדרי תורה"!**

---

תשובה, ישבו שם שני בחורים ולמדו בחברותא (כהיום הם ת"ח גדולים ומפורסמים). והנה החזו"א עולה לתומו לגג ביתו, הוא רואה את שני הבחורים, ותפסם בשעת בטלה...

קרב אליהם החזו"א לומר להם דברי חיזוק שלא להפסיק באמצע הלימוד, וכך אמר להם: מתיקות התורה, כמה גדולה היא נעימות התורה, ואי אפשר להשיג את זה ולהגיע לזה רק אחרי שקידה של **שלוש וארבע** שעות ברציפות בלא הפסק. בלי זה אי אפשר אפילו לצייר מהי הרוחניות הזו, וק"ו אחר **חמש** שעות, כמה רוממות יש - איך אפשר למי שיש לו את האפשרות הזאת, להפסיק את הרציפות ולהפסיד בידים נועם כזה, כמו קדירה המתבשלת, להוריד מן האש, ליתן להתקרר, ואחר־כך להשיבה...

המשיך החזו"א: ואחר **שש** שעות של לימוד שוכח האדם מבל העולם ועניניו, ומתדבק בדברים רוחניים - כאשר סיפרו זאת השנים אמרו בהשתוממות כיצד החזו"א תיאר זאת בעיניים בורקות ותנועות ידיים למעלה כאילו מתנתק הוא מכל הסובב - ואחר **שבע** שעות האדם מרגיש קרוב להקב"ה, ואין לו מהנאות העולם כלום ומתמלא שמחה, ואחר **שמונה** שעות אפילו לא נופלת בלבו מחשבה של תאוות וחומריות, וכולו משתוקק לאלוקיו, ואחר **תשע** שעות כולו קדוש למעלה למעלה, ואחר **עשר** שעות - עין לא ראתה, אין לתאר ואין מילים לבטא את מצבו ורגשותיו.

## דער מענטש אליין זאל ווערן "תורה"

ווי אזוי באקומט מען עס? ווייל מ'דארף וויסן, פון אנהויב אָן דארף מען וויסן: איך האב טאקע מפריעים, אבער די מפריעים זענען נישט בעצם. דער יצר הרע מאכט מיר מפריעים! אבער בעצם דארף מען וויסן, אז וואס מער מ'איז זוכה צו זיצן לענגער ביי די גמרא, צו זיצן לענגער ביי די תורה – נאך מער זיך מדבק זיין, מער זיך מדבק זיין אין תורה – **וואס מער גייט מען אריין טיפער, גייט מען אריין טיפער... זעהט מען עפעס אנדערש! הערט מען עפעס אנדערש! שפירט מען עפעס אנדערש! ס'איז א אנדערע זאך אינגאנצן...**

פארשטייט זיך, דאס איז כולל מיט אלע הפרעות וואס זענען דא אינמיטן, מיט אלע ירידות וואס זענען דא אינמיטן... אבער מ'דערשרעקט זיך נישט! א מענטש האט א ירידה – ס'האט זיך נישט אפגעשטעלט. ס'איז דא א ירידה, אבער מיט די ירידה צוזאמען גייט מען ווייטער. מ'איז זיך מחזק מיט די ירידה, מ'איז ממשיך. מ'לאזט נישט אפ די זאך, מ'געבט נישט קיין בריק (בעיטה) אינמיטן.

'בסדר, איך האב פארלוירן די נערוון אינמיטן. בין איך אן נערוון, בין איך 'מפקח דעתו' דערווייל' – בסדר. אבער נישט: 'שוין, געענדיגט; מ'וועט שויןווארטן ביז מ'וועט האבן עפעס א נייער עליה'. ניין! מ'פראבירט. אפילו אז מ'לערנט נישט עפעס אזוי איי־איי־איי; אפילו מ'מאכט א הפסקה – האט מען במחשבה: 'איך וויל ווייטער ממשיך זיין!' מ'ווערט נישט אפגעשטעלט.

מ'דארף וויסן אז די תורה איז א זאך וואס "**הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו**". מ'גייט אריין, מ'גייט אריין, א גאנץ לעבן – אפילו ס'טוט זיך וואס ס'טוט זיך נאר. אפילו א מענטש, ס'גייט איבער וואס ס'גייט איבער נאר, השם ירחם, אבער א מענטש זאל וויסן אז ס'איז נישטא קיין צוויי וועגן. **ס'איז דא איין אמת - דארטן גייט מען. איי, ס'איז געשען אינמיטן וואס ס'איז געשען? ס'איז א חלק פון די זאך**, ס'איז א ירידה פאר א עליה, אבער מ'גייט ווייטער.

זאגט דער רבי ווייטער: "**אֲבָל דַּע, שֶׁצָּרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד, לְבַל יִטְעֶה בְּעַצְמוֹ**", מ'זאל זיך נישט אזוי שנעל איינרעדן, "**כִּי לֹא בִּמְהֵרָה זוֹכִין לָזֶה**". א מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אז ער האט שוין זוכה געווען צו די 'חדרי תורה'. א מענטש שפירט עפעס א שטיקל טעם, זאגט ער: "אה!" – בדרך כלל, ווייל א מענטש האט נישט קיין געדולד, אז ער שפירט שוין א שטיקל טעם, זאגט ער שוין – "איך האב שוין זוכה געווען". דאס קומט ווייל ער האט נישט קיין געדולד; מוז ער זאגן אז ער האט שוין זוכה געווען.

אבער אז א מענטש ווייסט אז ס'איז דא עפעס א טעם... אפילו ווען ער שפירט שוין עפעס א טעם, זאגט ער: "ניין, איך האב נאר געשפירט א טועמיה דטועמיה; ס'איז נאר א ריח דריח פון די גאנצע מעשה. ס'איז נאך נישט, ס'איז נאך נישט. ברוך ה', איך פריי זיך מיט יעדע נקודה, אבער איך רעד זיך נישט איין קיין דמיונות. איך רעד זיך נישט איין קיין דמיונות! איך ווייס אז ס'איז דא וואס צו גיין ווייטער..." [כט].

---

**כט.** ראה שם בהמשך התורה: וְדַע שֶׁכָּל אָדָם קֹדֶם שֶׁמַּשִּׂיג בַּתּוֹרָה הַשָּׂגָה שֶׁל אֱמֶת צָרִיךְ לֵילֵךְ בְּהֶכְרֵחַ דֶּרֶךְ אֵלּוּ הֵיכָלוֹת הַתְּמוּרוֹת. אֲבָל הַכְּלָל שֶׁאָסוּר לִטְעוֹת בְּעַצְמוֹ לִסְבֹּר שֶׁכְּבָר בָּא אֶל הַהַשָּׂגָה הָרָאוּי, כִּי אִם יִסְבֹּר כֵּן יִשָּׁאֵר שָׁם חַס וְשָׁלוֹם אֲבָל כְּשֶׁיֵּדַע שֶׁעֲדַיִן לֹא הִתְחִיל לִכְנֹס לְחַדְרֵי תּוֹרָה הָאֲמִתִּיִּים אֲזַי יִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וְיַרְבֶּה בִּתְפִלּוֹת, וְיַפְצִיר עַד שֶׁיִּפָּתְחוּ לוֹ שַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה בֶּאֱמֶת, וְאָז יִרְאֶה הַהֶפְרֵשׁ וַאֲפִלּוּ אִם עָשָׂה עֲבֹדוֹת וְתַעֲנִיתִים וְסִגּוּפִים בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאַחַר כָּךְ זָכָה לְחִדּוּשִׁין אַף עַל פִּי כֵן אַל יַעֲמֹד עַל זֶה לִסְבֹּר שֶׁהֵם הַשָּׂגוֹת שֶׁל אֱמֶת הַנַּ"ל. כִּי אֲפִלּוּ לְהַדִּמְיוֹנוֹת שֶׁל הֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת צָרִיךְ עֲבֹדוֹת וְתַעֲנִיתִים וַאֲפִלּוּ בְּתַאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה יֵשׁ דֻּגְמָא לָזֶה כְּגוֹן לְמָשָׁל כְּשֶׁעוֹשִׂין שְׂחוֹק וְקוֹמֶדְיֶע אֲזַי נוֹסֵעַ אֶחָד וּמַכְרִיז וְחוֹשֵׁב כָּל הַדְּבָרִים שֶׁיַּעֲשׂוּ עַל הַקּוֹמֶדְיֶע וְאַף שֶׁהוּא תַּאֲוָה לִשְׁמֹעַ אַף עַל פִּי כֵן אֵין זֶה הַשְּׂחוֹק בְּעַצְמוֹ וְכֵן כְּשֶׁבָּא לְהֶחָדֵר שֶׁעוֹשִׂין שָׁם הַקּוֹמֶדְיֶע יֵשׁ שָׁם מְצֻיָּר עַל הַטַּבְלָא כָּל הַדְּבָרִים שֶׁיַּעֲשׂוּ שָׁם וְגַם זֶה אֵינוֹ הַדָּבָר בְּעַצְמוֹ וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁבָּאִים לְשָׁם לִפְנִים, עוֹמֵד לֵץ אֶחָד, וְעוֹשֶׂה כְּמַעֲשֵׂה קוֹף וְכָל הַדְּבָרִים שֶׁעוֹשֶׂה הַבַּעַל קוֹמֶדְיֶע, הוּא עוֹשֶׂה אַחֲרָיו בְּלֵיצָנוּת וְגַם זֶה אֵינוֹ הַדָּבָר בְּעַצְמוֹ וְעִקָּר הוּא הַשְּׂחוֹק בְּעַצְמוֹ שֶׁעוֹשִׂין שָׁם וּכְמוֹ כֵן תָּבִין הַנִּמְשָׁל מֵעַצְמוֹ, כִּי יֵשׁ מִי שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁנִּכְנַס לִפְנִים, וְלִפְנַי וְלִפְנִים וַעֲדַיִן עוֹמֵד בַּחוּץ לְגַמְרֵי, כִּי לֹא הִתְחִיל לְהַשִּׂיג הַשָּׂגָה שֶׁל אֱמֶת. וְהַצַּדִּיק הַגָּדוֹל מְאֹד אַף כְּשֶׁזּוֹכֶה לְהַשִּׂיג הַשָּׂגוֹת גְּדוֹלוֹת שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה בֶּאֱמֶת אַף עַל פִּי כֵן אֵינָם נֶחֱשָׁבִים בְּעֵינָיו לִכְלוּם לְגֹדֶל עֹצֶם הַכָּרָתוֹ אֶת גְּדֻלּוֹת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ עַל כֵּן הוּא מִשְׁתַּדֵּל וּמִתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם שֶׁיַּתְחִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהַרְאוֹת לוֹ אוֹר הַתּוֹרָה כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל לְהַשִּׂיג כְּלָל מִיָּמָיו.

זאגט דער רבי: "**כִּי יֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה חִדּוּשִׁין שֶׁאֵינָם בָּאִים מִשָּׁם, רַק מֵהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת. כִּי אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים, וְאַף שֶׁנִּדְמֶה לָאָדָם לְהַשָּׂגָה גְּדוֹלָה**", ס'קוקט אים אויס אז ער האט משיג געווען עפעס. "**אַף עַל פִּי כֵן, גַּם שָׁם**", ביי די היכלי התמורות, "**יֵשׁ חִדּוּשִׁים נָאִים שֶׁנִּדְמִין לְהַשָּׂגוֹת. וְגַם בָּזֶה יֵשׁ כַּמָּה בְּחִינוֹת**", אין די דמיונות איז דא גרעסערע דמיונות, מיט ריינערע דמיונות, נענטערע צום אמת – אבער ס'איז נאך אלץ דמיונות, ביז א מענטש איז זוכה צו קומען צו אמת'ע השגות.

"**כְּמוֹ לְמָשָׁל כְּשֶׁכּוֹתְבִין תֵּבַת אָדָם**", א מענטש שרייבט די אותיות: אל"ף, דל"ת, מ"ם - "אדם", "**יוֹדְעִין שֶׁזֶּה מְרַמֵּז עַל דְּמוּת הָאָדָם**". וואס מיינט אדם? ס'שטייט דא 'אדם', און ס'מיינט אז מ'רעדט וועגן א מענטש – "**אֲבָל הוּא רַק בְּרֶמֶז בְּעָלְמָא, כִּי אֵין כָּתוּב שָׁם שׁוּם צִיּוּר הָאָדָם**", מ'זעט נאך נישט קיין שום ציור אדם; ס'שטייט דא דעם ווארט 'אדם', אבער דו זעסט נישט קיין שום ציור אדם בכלל.

"**וְיֵשׁ שֶׁמְּצַיְּרִין עַל הַנְּיָר צִיּוּר הָאָדָם, וְשָׁם נִגְלֶה יוֹתֵר קְצָת דְּמוּת הָאָדָם**" – אה! מ'זעהט שוין א צורת אדם, ממש א מענטש... אבער ס'איז נאך אלץ נישט; ס'איז נאר א ציור אדם. ס'איז נאר טינט אויף א בלאט, ס'איז נאכנישט קיין ממשות.

"**וְיֵשׁ שֶׁמְּנַסְּרִין צִיּוּר הָאָדָם מֵחֲתִיכַת עֵץ**", מ'שניצט אויס א צורת האדם, "**וְשָׁם נִתְגַּלֶּה עוֹד יוֹתֵר צִיּוּר הָאָדָם**", ס'איז שוין ממש אויסגעשניצט – מיט הענט און פיס, מיט איברים; ס'האט א ממשות. "**אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן אֵין זֶה אָדָם מַמָּשׁ**", ס'איז נאך אלץ נישט א מענטש; ס'איז נאר א צורת אדם, א שניץ פון א מענטש. "**רַק הָאָדָם בְּעַצְמוֹ הוּא הָאָדָם בֶּאֱמֶת**". אז דו טרעפסט א מענטש, דער מענטש אליין – דאס איז א מענטש!

"**כְּמוֹ כֵן יֵשׁ כַּמָּה חִדּוּשִׁין שֶׁל תּוֹרָה שֶׁהֵם רַק כְּמוֹ פִּנְקָס, וּכְמוֹ שֶׁכּוֹתְבִין תֵּבַת אָדָם לְבַד. כִּי הַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת אָדָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם'. וְיֵשׁ שֶׁהוּא נִכְנָס לִפְנִים מִזֶּה, אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן אֵין זֶה אָדָם כַּנַּ"ל רַק כְּשֶׁזּוֹכִין אֶל הַתּוֹרָה בְּעַצְמוֹ זֶהוּ בְּחִינַת אָדָם בֶּאֱמֶת. וְזֶהוּ 'זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם', זֹאת הַתּוֹרָה דַּיְקָא, הַיְנוּ רַק זֹאת הַתּוֹרָה הָאֲמִתִּית, הוּא בְּחִינַת אָדָם**".

וואס איז באמת די תורה? "בחינת אדם". דאס הייסט, וואס איז באמת די תורה? די תורה איז א מענטש! ווען א מענטש לערנט תורה – ער לערנט תורה – און נאכדעם זיין הארץ ציט אים צו הבלי העולם, איז די תורה איין זאך (ער האט געלערנט תורה), און ער אליין איז הבלי העולם, זיין קאפ ליגט אין הבלי העולם.

אבער ווען א מענטש לערנט תורה, און דער 'מענטש' ווערט א אנדער סארט מענטש – אז ס'ציט אים נישט הבלי העולם, נאר ס'ציט אים די תורה, די תורה ווערט ביי אים זיין לעבן – דאס איז א סימן אז די תורה איז אריין אין אים. א מענטש וואס די תורה האט אים געמאכט פאר א מענטש, **אז די תורה האט אים געברענגט לידי קיום - דאס הייסט תורה!** תורה וואס ס'האט נאכנישט געברענגט א מענטש לידי קיום, איז נאכנישט תורה. "זאת התורה אדם" – **וואס הייסט תורה? תורה איז אז ס'ברענגט א מענטש לידי קיום**[ל].

לאמיר זאגן א דוגמא: א מענטש לערנט הלכות תפילין. ער האט געלערנט גוט א פאר חדשים. אין הלכות תפילין זענען דא אסאך הלכות און אסאך פרטים. ער לערנט הלכות תפילין מיט אלע הלכות, און ער גייט, ער נעמט פעל פון א בהמה, ער ארבעט עס אויס, ער מאכט פון דעם בתים, און ער

**ל.** וראה ליקוטי הלכות הל' בית הכנסת ד, ח: וְעַל-כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם שֶׁיְּקַדֵּשׁ עַצְמוֹ כָּל כָּךְ בְּדִבּוּרֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה עַד שֶׁיִּתְבַּטֵּל לְגַבֵּי הַדִּבּוּר לְגַמְרֵי כַּנַּ"ל, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה גּוּפוֹ מְחֻבָּר וְכָלוּל בְּהַדִּבּוּר כְּמוֹ הַקְּלָף הַמְחֻבָּר בְּהָאוֹתִיּוֹת עַד שֶׁהַקְּלָף עִם הָאוֹתִיּוֹת הֵם דָּבָר אֶחָד מַמָּשׁ, כִּי שְׁנֵיהֶם יַחַד הֵם סֵפֶר תּוֹרָה, כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ יִהְיֶה הַגּוּף מְחֻבָּר וְנִכְלָל בְּהַדִּבּוּר עַד שֶׁיִּהְיֶה כָּתוּב וְנֶחְקָק בּוֹ הֵיטֵב וְלֹא יִהְיֶה נִכְתָּב וְנֶחְקָק בְּגוּפוֹ שׁוּם אוֹת אַחֵר רַק אוֹתִיּוֹת וְדִבּוּרֵי הַתּוֹרָה כְּמוֹ קְלָף שֶׁל הַסֵּפֶר תּוֹרָה שֶׁאֵין נִכְתָּב בּוֹ שׁוּם דָּבָר רַק אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה, וַאֲזַי זֶה הָאָדָם הוּא קָדוֹשׁ בִּקְדֻשַּׁת הַסֵּפֶר תּוֹרָה וְיוֹתֵר **וְעָלָיו נֶאֱמַר, "זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם" דְּהַיְנוּ שֶׁהָאָדָם הַזֶּה בְּעַצְמוֹ הוּא הַתּוֹרָה**, כַּמּוּבָא זֶה בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְעַל תַּלְמִיד חָכָם כָּזֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מַכּוֹת כב), כַּמָּה טִפְּשָׁאֵי שְׁאָר אֱנָשֵׁי דְּקַיְּימוּ מִקַּמֵּי סֵפֶר תּוֹרָה וְלֹא קַיְּימוּ מִקַּמֵּי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן וְכוּ' וְזֶה בְּחִינַת (מִשְׁלֵי ג) כָּתְבֵם עַל לוּחַ לִבֶּךָ, הַיְנוּ שֶׁיִּהְיוּ דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה כְּתוּבִים בּוֹ מַמָּשׁ כְּמוֹ הָאוֹתִיּוֹת הַנִּכְתָּבִים בְּסֵפֶר תּוֹרָה מַמָּשׁ כַּנַּ"ל.

מאכט פון דעם פארמעט (קלף), ער שרייבט אויף דעם די פרשיות, ער לייגט עס אריין, מיט רצועות, ער קניפט עס אן, ער מאכט די גאנצע... ער האט געמאכט תפילין.

ס'האט קדושת תפילין? יא, ס'איז קדושת תפילין! ער האט עס מקדש געווען בקדושת תפילין, ס'איז בקדושת תפילין. אבער ס'איז מצות תפילין? תפילין אליין איז די מצוה?! די תפילין קענען ליגן הונדערט יאר – ס'איז נאר תפילין, ס'איז זייער גוט. נאר טאמער ער נעמט עס און טוט אן די תפילין אויף זיך – דאס איז מצות תפילין! מצות תפילין הייסט אנטאן תפילין, דאס הייסט תפילין. מצות תפילין איז, אז א מענטש האט אנגעטאן תפילין.

די זעלבע זאך: א מענטש וועט לערנען גאנץ הלכות שבת – אלע ל"ט מלאכות, די אבות מיט די תולדות, מיט אלע דרבנן'ס. אלץ וואס ער האט געלערנט איז זייער שיינע זאכן. אבער אויב דער מענטש, די תורה איז אריין אין אים און ער היט זיך פון די ל"ט מלאכות – דאס הייסט שמירת שבת! דאס הייסט שמירת שבת. **שמירת שבת הייסט אז א איד היט שבת.**

## די תורה ווערט "לעבן" (צוויי מעשיות)

איך האב געהאט אמאל א חבר אין ישיבה, א בחור, ער איז געקומען פון די שטיבער פון די חזון איש'ניקעס, גרויסע מחמירים, איינע פון די הויפט זאכן איז נישט טראגן שבת. געדענק איך, ס'איז געווען אמאל עפעס א מעשה. דער בחור איז געגאנגען אין גאס, און אינמיטן עפעס האט ער באקומען א ריס אין די הויזן [איך געדענק שוין נישט פונקט וואס ס'איז געווען; ס'איז אויסגעקומען אז ער טראגט א קנעפל, איך געדענק שוין נישט וואס ס'איז געווען, עפעס א נקודה] – ער האט פשוט אויסגעטאן די הויזן אינמיטן גאס! ער האט אויסגעטאן די הויזן אינמיטן גאס... נישטא אזא זאך! ער איז געבליבן, ער איז אריין געלאפן אין א חצר און געווארט ביז מ'האט אים געברענגט הויזן. זיין טאטע האט אריינגעברענגט אין אים אזא יראת שמים פון שמירת הלכה, ביזן סוף.

איר קענט זיך פארשטעלן אז אין דעם אליין איז אויך דא מדריגות, ווייל א מענטש קען זיך אין דעם אויך נארן... אבער דאס הייסט אז די תורה גייט אריין אין א מענטש. ס'איז דא איינער לערנט הלכות שבת, ער לערנט הלכות שבת! אבער **איינער לערנט הלכות שבת - און הלכות שבת איז ביי אים היה לא תהיה! היה לא תהיה!!!**

איך האב געהאט דעם שבת א מעשה דא אין שטוב. איינע פון די בני בית האבן זיך עפעס פארקלאפט אין עפעס א צימער, מ'האט נישט געקענט עפענען. מ'האט אנגעהויבן טראכטן עצות, און איך האב נישט געוואוסט וואס מ'טוט. איך האב ארויסגענומען ספרים און אנגעהויבן מתפלל זיין.

אינמיטן האב איך געכאפט אז ס'איז נישט פשוט. ס'איז דא א היתר, אז ס'איז דא א קינד. ס'איז געווען א קינד – א קינד האט זיך פארקלאפט מיט א מאמע. ס'איז דא א היתר אז א קינד האט זיך פארקלאפט, פאר א קינד קען מען מיקל זיין.

אבער אינמיטן האט מיר געגעבן א פאל איין: א רגע, דער קינד קען ארויסגיין פון פענסטער! קומט אויס אז ס'איז נישטא דא קיין היתר. שוין, די ערשטע זאך דארף מען זעהן ארויסנעמען דעם קינד. שפעטער טראכט איך: א רגע, ס'קומט אויס אז ס'איז נישטא קיין אנדערע עצה. די מאמע איז שוין געווען אינעווייניג, דער טאטע איז אויך געווען אינעווייניג. ס'איז געווען דריי מענטשן וואס זענען שוין געווען אינעווייניג... זאלן אלע ארויסגיין דורכן פענסטער! נישטא קיין ברירה, וואס קען מען טאן? אזוי שטייט אין "שולחן ערוך". איך האב זיך געטראפן אינמיטן מיט א מציאות. דאס איז דאס! ס'איז געבליבן פארקלאפט די צימער א גאנץ שבת, און זיי זענען ארויס פון דעם פענסטער. דאס איז דאס.

בשעת איך האב געלערנט די הלכות, מ'לערנט עס, מ'ווייסט נישט אז אינמיטן – אינמיטן געבט מען זיך א טרעף אן מיט א מציאות. מ'האט ממש א יצר הרע! מ'האט א יצר הרע. פון איין זייט: "מ'מעג, מ'מעג אין אזא פאל. מעג מען האלטן כלים און פראבירן רוקן זאכן ס'זאל זיך אויפרייסן, ס'זאל

זיך עפענען דער שליסל – מ'מעג, ווייל ס'איז דא א קינד". און אינמיטן ווערט נשתנה דער מציאות! אין איין רגע איז געווארן אסור די גאנצע זאך (ווייל דער קינד קען ארויסגיין פון פענסטער). אין א רגע מיינסטו אז מ'מעג, און א רגע שפעטער – ניין, מ'טאר נישט! ס'איז מורא'דיגע נסיונות, מורא'דיגע נסיונות!

דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן. איך האב פשוט, ווי איך האב געזעהן די פרשה דא, האב איך אנגעהויבן מתפלל זיין. איך האב געבעטן: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל נישט נכשל ווערן מיט קיין איסורים דא". ווען נישט, ווייס איך נישט... ס'איז געווען אזא בהלה דא. איך ווייס נישט וואס ס'וואלט געווען מיט מיר דא... אבער איך האב דערווייל געזעהן מיין פרצוף, ווי ווייט בין איך פון די תורה. בניסי ניסים בין איך, ברוך ה', געראטעוועט געווארן. בניסי ניסים.

## "ראש השנה, ראש השנה - ממש"

על-כל-פנים, אבער וויפיל איז די תורה, וויפיל מאכט די תורה דיר פאר א מענטש? דאס הייסט תורה! וויפיל די תורה ליגט ביי דיר אינעווייניג, אין די בלוט דיינע – דאס הייסט תורה, דאס הייסט תורה. וויפיל ס'איז נאכנישט – איז "זאת התורה אדם". ס'איז דא א 'כתב אדם', ס'איז דא א 'ציור אדם', ס'איז דא א 'פיסול אדם' – בסדר. אבער ס'איז נאכנישט דער "אדם" אליין. 'אדם' הייסט, אז די תורה מאכט אז דער מענטש ווערט תורה; ס'ווערט ביי אים בעצם.

(חוזר למעשה מהכסא בחיי"מ פ"ד) אזוי ווי דער רבי זאגט דא: ביים רבי'ן איז געווען **"ראש השנה - ראש השנה ממש"**, **"יום כיפור - יום כיפור ממש"**. ס'איז נישט אז מ'רעדט "ראש השנה" און מ'דארף זיך עפעס אנווארעמען אויפן מצב... ניין! ראש השנה – ראש השנה ממש; יום כיפור – יום כיפור ממש; סוכות – סוכות ממש.

ר' יעקב מאיר (שכטער) האט עס אמאל איבערגעזאגט פורים[לא], האט ער געשריגן: "**אוןביים רבי'ן איז פורים - פורים ממש!**" אזוי האט ער געשריגן... ביים רבי'ן איז יעדע זאך געווען "ממש"!

איז ער ממשיך דא: "**גַּם שָׁמַעְתִּי שֶׁהָיוּ צוֹעֲקִים: 'חָדְשֵׁיכֶם וּמוֹעֲדֵיכֶם שָׂנְאָה נַפְשִׁי'**" – וואס מאכט איר זיך אליין חדשים מיט מועדים? אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט: ס'איז דא ראש השנה ממש, ס'איז דא א מועד וואס ער איז "מועד ממש", דאס איז א מועד בעצם. אבער וואס דו אליין מאכסט זיך חדשים ומועדים – "שנאה נפשי". דער אויבערשטער זאגט: ביסט נישט אנגעקומען צו ראש השנה; ראש השנה איז ביי דיר נאך נישט קיין ראש השנה – "שנאה נפשי".

זאגט דער רבי, דער כרוז איז געווען: "**מַה לָּכֶם לָדוּן אֶת הָעוֹלָם?**" – וואס זענט איר דן די וועלט, מנהיגים?! "**מַה לָּכֶם לָדוּן אֶת הָעוֹלָם? רֹאשׁ־הַשָּׁנָה בְּעַצְמוֹ יִשְׁפֹּט**". ראש השנה – ער איז דער שופט. ראש השנה איז ראש השנה ממש, ער איז שופט די וועלט. "**וּבָרְחוּ כֻּלָּם עִם כָּל מַנְהִיגֵי הַדּוֹר, כֻּלָּם בָּרְחוּ**", אלע זענען אנטלאפן פון דעם כרוז. "וואס מאכט איר ראש השנה?"

---

**לא.** מדברי הגרי"ם במשתה היין פורים תשס"ב (נדפס באוסף אמרים פורים עמ' ל"ד ואילך):

בשעת דער הייליגער רבי האט געזאגט "ועכשיו" - "ולא סיים", האט רבי נתן דערהערט גאר הויך, קיינער האט עס נישט דעהערט. רבי נתן האט דעהערט אז דאס איז פורים אליין... אזוי ווי דער רבי זאגט ביי די מעשה, ביי די חזיון פון די כסא "וראיתי שם ראש השנה - ראש השנה ממש. יום כיפור - יום כיפור ממש. וכן סוכות, סוכות ממש". **דאס האט גערעדט דער הייליגער רבי, קיין צדיק האט נישט געזאגט אזוי... אז דער הייליגער רבי האט דאס געזאגט, איז ער אליין געווען ראש השנה און ער אליין איז געווען יום כיפור, און ער אליין איז געווען סוכות.**

און ווען דער הייליגער רבי האט געזאגט "ועכשיו" - ולא סיים... האט רבי נתן דעהערט "פורים אליין"... [..] רבותי! ערשט איז די צייט... דער פורים פון ברסלב דאס איז השתוקקות וכיסופים וואס מיר וויסן מדור ודור... איך קען אייך זאגן, איך האב אפילו אליין געזעהן ווי רבי שמואל שפירא האט גענומען מיט די וויין און האט געפענט דעם ארון קודש און ער האט אזויפיל געוויינט, ער האט אזויפיל געוויינט... **מ'האט דארטן געזעהן פורים ממש! און יום כיפור ממש! ראש השנה ממש... דאס איז דער רבי'נס פורים – – –**

שפעטער, ביים סוף, זאגט ער אז די מעשה האט א שייכות מיט די תורה "**תקעו ממשלה**", תורה א' אין צווייטן חלק[לב]. דער רבי זאגט דארטן, אז ווער ס'רעדט אויף א צווייטן – איינער וואס זיצט און הויבט אן רעדן וועגן א מענטש – זאגט מען אים: "דו מאכסט ראש השנה! דו קענסט מאכן ראש השנה?! דו קענסט דן זיין א מענטש?! ווער האט דיר ממנה געווען צו דן זיין א מענטש?!"

נאר דער צדיק - זאגט דארט דער רבי[לג] - נאר דער צדיק, וואס ער איז "**אוחז בכסא**", ער איז דבוק אין כסא הכבוד און ער איז משיג ראש השנה באמת – ער קען מאכן ראש השנה. און צו אים דארף מען קומען ראש השנה.

## "וגער בנו על שאין אנו שמחים"

דער רבי האט א גאנצן המשך דא[לד]: "**וּפַעַם אַחַת דִּבֵּר מֵהַמַּעֲשִׂיּוֹת, וְהִזְכִּיר אָז עִנְיָן זֶה מִקֶּשֶׁר הַמַּעֲשֶׂה הַזֹּאת עִם הַתּוֹרָה הַנַּ"ל**", תורה א' אין צווייטן

**לב.** ראה פרפראות לחכמה על תורה א' תנינא (אות א): מאמר זה נאמר בראש השנה תקס"ט שחל אז ביום חמישי וששי, וקודם ראש השנה זה סיפר מעשה נפלאה וכו', ואמר אחר כך שהמאמר הזה הוא פירוש על המעשה וכו' וקצת מזה מבואר לקמן (שם כב-כ"ה).

**לג.** באות י"ד.

**לד.** ראה שם את המשך השיחה: וְרָאִיתִי שָׁם שֶׁהָיָה חָקוּק עַל הַכִּסֵּא כָּל צוּרוֹת שֶׁל כָּל בְּרוּאֵי עוֹלָם, וְכָל אֶחָד הָיָה חָקוּק עִם בַּת זוּגוֹ אֶצְלוֹ וּבִשְׁבִיל זֶה נַעֲשִׂין תֵּכֶף שִׁדּוּכִים. כִּי כָּל אֶחָד מָצָא שָׁם וְרָאָה בַּת זוּגוֹ. וּמֵאַחַר שֶׁבַּיָּמִים הַקַּדְמוֹנִים לָמַדְתִּי, נָפַל בְּדַעְתִּי שֶׁפָּסוּק (דָּנִיֵּאל ז: "כָּ'רְסְיֵהּ שְׁ'בִיבִין דִּ'י נ'וּר" רָאשֵׁי־תֵבוֹת שַׁדְכָן כִּי עַל־יְדֵי הַכִּסֵּא נַעֲשִׂין שִׁדּוּכִין כַּנַּ"ל, גַּם כָּרְסְיֵהּ רָאשֵׁי־תֵבוֹת רֹאשׁ־הַשָּׁנָה יוֹם־כִּפּוּר סֻכּוֹת. וְעַל־כֵּן בִּשְׁמִינִי עֲצֶרֶת זִוּוּגָא דְמַטְרוֹנִיתָא (זֹהַר וַיִּקְרָא צו:). וְשָׁאַלְתִּי מַה יִּהְיֶה פַּרְנָסָתִי וְאָמְרוּ לִי שֶׁאֶהְיֶה שַׁדְכָן וְהָאֵשׁ הִקִּיף סְבִיבוֹ.

כִּי בֶּאֱמֶת רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הִיא טוֹבָה גְּדוֹלָה כִּי הוּא מוֹעֵד שֶׁהַלְּבָנָה מִתְכַּסָּה בּוֹ, שֶׁעַל זֶה נֶאֱמַר (חֻלִּין ס:) הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה. וְהוּא טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָעוֹלָם, כִּי עַל־יְדֵי־זֶה אָנוּ יְכוֹלִין לְבַקֵּשׁ כַּפָּרָה בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה.

חלק, וואס מ'האט געזאגט פריער. "**וְאָז אָמַר: אִם אֵין אַתֶּם שְׂמֵחִים, אֵינִי יוֹדֵעַ מַה לָּכֶם. כְּלוֹמַר שֶׁרָאוּי לָנוּ לִשְׂמֹחַ עַל־כָּל־פָּנִים מְאֹד תָּמִיד כְּשֶׁזָּכִינוּ לִטְעֹם אוֹרוֹת נוֹרָאוֹת כָּאֵלּוּ**", אז מיר האבן זוכה געווען צו הערן אזעלכע דיבורים, אזעלכע מעשיות מיט אזעלכע תורות!

"**וְאַחַר שֶׁסִּפֵּר הַמַּעֲשֶׂה הַזֹּאת אָמַר שֶׁאַתֶּם יְכוֹלִין לוֹמַר עָלֶיהָ תּוֹרָה כָּל יְמֵי חַיֵּיכֶם, וְגָעַר בָּנוּ עַל שֶׁאֵין אָנוּ שְׂמֵחִים, וְאָמַר שֶׁרָאוּי לָנוּ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד**". דער רבי האט גערעדט פון אזעלכע גילויים אויף ראש השנה, אזוי ווי ס'שטייט אין דעם סיפור מיטן קשר פון די תורה, און רבי נתן אין ליקוטי הלכות איז דאס שטארק מקשר[לה]. איז **האבן מיר מיט וואס צו זיין פריילאך!** "וגער בנו" – אז מיר זענען נישט פריילאך אן א שיעור, פון אזעלכע זאכן.

---

**עַיֵּן כָּל זֶה בְּהַתּוֹרָה תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר, וַיִּבֶן ה' אֶת הַצֵּלָע. הַמְדַבֵּר מִשָּׁרְשֵׁי נְשָׁמוֹת הַכְּלוּלִים בַּכִּסֵּא עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב כָּל הַתּוֹרָה בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא סִימָן א' כִּי הוּא פֵּרוּשׁ עַל הַמַּעֲשֶׂה הַנַּ"ל. כִּי זֹאת הַתּוֹרָה נֶאֶמְרָה בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁאַחַר זֶה הַסִּפּוּר, וְהַדְּבָרִים סְתוּמִים וְנֶעְלָמִים מְאֹד. גַּם חָסֵר קְצָת כִּי לֹא נִכְתַּב בִּשְׁלֵמוּת.**

**לה.** ראה ליקו"ה הל' ערלה ד' י-י"א: וְעַל־יְדֵי־זֶה אָנוּ זוֹכִין שֶׁיִּמְשַׁךְ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא בְּחִינַת אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ, שֶׁזֶּה זוֹכִין עַל־יְדֵי תְּפִלָּה בִּשְׁלֵמוּת. שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה יְכוֹלִין לְהִתְקַשֵּׁר לְשָׁרְשֵׁי נְשָׁמוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד וְכוּ', בְּחִינַת מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה יוֹדְעִין לָדוּן אֶת הַכֹּל לְכַף זְכוּת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', כַּמְבֹאָר שָׁם הֵיטֵב, עַיֵּן שָׁם. וְהַכֹּל נַעֲשֶׂה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת כַּנַּ"ל, כִּי זֶה הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁכְּבָר שִׁבֵּר כָּל הַתַּאֲוֹת וְכוּ' עַד שֶׁזָּכָה לְכָל הַתִּקּוּנִים הַנַּ"ל עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הַמְקֹרָבִים אֵלָיו קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא דָּן אוֹתָנוּ לְכַף זְכוּת וּמַכְנִיס אוֹתָנוּ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת עַד שֶׁמַּגִּיעַ עַל כָּל אֶחָד הִרְהוּר תְּשׁוּבָה. וּמַתְחִיל לִצְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ מֵעֹמֶק הַלֵּב וּמִשָּׁם מַתְחִיל לִכְנֹס בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה וּלְהַמְשִׁיךְ כָּל הַתִּקּוּנִים הַנַּ"ל עַד שֶׁנִּזְכֶּה גַּם אֲנַחְנוּ לֶאֱחֹז בְּשָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת וְלַעֲשׂוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה כַּנַּ"ל.

**וְזֶה שֶׁגִּלָּה אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּסִפּוּרוֹ נוֹרָאוֹת מֵהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַכִּסֵּא הַמּוּבָא אֶצְלֵנוּ** שֶׁאָמַר שֶׁרָאָה אָז עַל הַכִּסֵּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַמָּשׁ. יוֹם־כִּפּוּר, יוֹם־כִּפּוּר מַמָּשׁ. סֻכּוֹת, סֻכּוֹת מַמָּשׁ. **הַיְנוּ שֶׁשָּׁם רָאָה עוֹצֶם נוֹרְאוֹת קְדוּשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּמוֹ שֶׁהוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּשָׁרְשׁוֹ הָעֶלְיוֹן** וְכֵן יוֹם־כִּפּוּר סֻכּוֹת וְאַחַר כָּךְ גִּלָּה נוֹרָאוֹת. שֶׁזֶּהוּ כָּרְסְיֵהּ שְׁבִיבִין דִּי נוּר וְכוּ' כָּרְסֵי"ה רָאשֵׁי תֵּבוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה יוֹם־כִּפּוּר סֻכּוֹת. רְאֵה וְהַבֵּט נִפְלְאוֹת ה' נִמְצָא שֶׁרֹאשׁ הַשָּׁנָה

על־כל־פנים דארפן מיר זעהן איין זאך: אז ראש השנה – דער רבי האט משיג געווען דעם ראש השנה ממש. ביים רבי'ן איז ראש השנה א מציאות, א מציאות!

מ'שרייט א כרוז: "**מה לכם לדון את העולם**?" – וואס זענט איר דן די וועלט? איר קענט דן זיין?! איר קענט ממתיק זיין?! איר קענט דן זיין לכף זכות?! נאר דער צדיק האמת, ער קען מאכן ראש השנה. ער קען ממתיק זיין אלע דינים, ער קען דן זיין די וועלט און ממתיק זיין אלע דינים פון די וועלט.

דארף מען וויסן איין זאך: אלעס וואס ס'גייט איבער אויף די וועלט, דאס איז אלעס תלוי אין ראש השנה. און יעדער מענטש, וואספארא זאכן ער ציטערט זאל נישט קומען אויף אים חס ושלום, אדער זאכן וואס ער האט מורא פון זיי – זאל ער וויסן: **וואו ליגט די המתקה? די המתקה איז, אז ס'איז נישטא קיין דין וואס ס'קומט נישט ארויס פון ראש השנה, און די המתקה פון דעם איז - דעם רבי'נס ראש השנה!**

דער רבי קען ממתיק זיין דעם דין בשרשו, און מיט דעם וואס איך בין צוגעבונדן צום רבי'נס ראש השנה; איך בענק צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה, און איך וויל זיך נישט אפרייסן פון רבי'נס ראש השנה... מיט דעם האב איך די כוחות צו ציען המתקות פאר אלע דינים שבעולם. נישטא קיין גרעסערע המתקה! **ווען איך דערמאן זיך פון ראש השנה, איז די גרעסטע המתקה. ווען איך בענק זיך צום ראש השנה, דאס איז די גרעסטע המתקה.**

ממילא דארף מען שטארק זיין נתעורר, כולנו כאחד. יעדער איינער מיט די תפילות וואס מ'האט אונז געגעבן צו זאגן – די תהלים, די תפילות, און 'שמות הצדיקים' וואס דער עולם איז נתעורר געווארן צו זאגן. חברים, ס'איז

---

יוֹם-כִּפּוּר סֻכּוֹת כֻּלָּם שָׁרְשָׁם בִּבְחִינַת כָּרְסֵיהּ, בְּחִינַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד בְּחִינַת נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז הַנֶּאֱמָר עַל יָמִים אֵלּוּ וְהַכֹּל כְּדֵי לָדוּן אוֹתָנוּ לְכַף זְכוּת וְכוּ' כַּנַּ"ל (עיי"ש).

א געוואלדיגע זאך, א געוואלדיגע זאך! זיך האלטן, זיך רייסן צום ראש השנה...

אוודאי, אוודאי, בזכות דעם ראש השנה טאקע וועלן מיר זוכה זיין. בזכות וואס דער רבי ווייסט פון אזא ראש השנה, וועלן מיר זוכה זיין זיך מתגבר זיין אויף אלע מניעות, ממתיק זיין אלע דינים מיט אלע מסכים המבדילים. אלעס זאל נמתק ווערן, און מיר זאלן זוכה זיין צו אנקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, איש בל יעדר.

דער אויבערשטער זאל העלפן, ס'זאל זיין א המתקת הדינים אויף דער פריערדיגער יאר און אויף די קומענדיגע יאר, און מ'זאל זוכה זיין ס'זאל שוין זיין א שנת גאולה וישועה שלימה באמת!

# פניני דחיי

## עולה על הכל

• דער רבי'נס ראש השנה איז נישט נאך א עצה, דאס איז דער רבי אליין. דער עיקר כח וואס א ברסלב'ער חסיד האט, איז דעם רבי'נס ראש השנה. אונזער גאנצער חיות און כח ליגט אין דעם ראש השנה.

• ווען ראש השנה ווערט געשאקלט, דארף דאס ווי' טאן יעדן ברסלב'ער חסיד. א רפיון אין דעם ענין איז א רפיון אין אונזער גאנצער רוחניות. מ'דארף האבן א געוואלדיגע התעוררות אין די קומענדיגע חדשים, אז קיינער זאל נישט פעלן ביים רבי'נס ראש השנה, "איש בל יעדר".

• די גרעסטע המתקת הדינים קומט דורך דעם רבי'נס ראש השנה. אלע ישועות, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, נעמען זייער שורש פון דארטן.

## עקבתא דמשיחא

• די מתנה פון דעם דור איז דער רבי'נס ציון. ווען די גרויסע פון אונזערע לייט זענען נסתלק געווארן, האט דער אויבערשטער געגעבן דעם דור א נייעם מקור פון חיות.

• ווי נענטער מ'קומט צו די גאולה, ווערט די ירידת הדורות אין אלע פראנטן, שטערקער און שטערקער, מ'דארף אזויפיל רחמים און המתקת הדינים. דער ענין פון ראש השנה און די התקשרות צו "עצמות יוסף" איז קריטיש וויכטיג.

• דער וואס איז זיך מקשר צו צדיקי אמת, קריגט א חיות אין אידישקייט, ווערט שטערקער אין אמונה און בטחון, און באקומט א אמת'ע עזות דקדושה און א קלארן דעת מבחין צו זיין צווישן אמת און שקר, און נישט נאך געשלעפט ווערן נאך דעם רוח הזמן.

## א גאנץ יאר ראש־השנה

• א גאנץ יאר דארף מען לעבן און שעפן שמחה און חיות פון דעם פריערדיגן ראש השנה, און **זיך** בענקען און גרייטן זיך צום קומענדיגן.

• אין די קומנדיגע תקופה, יעדע מצוה און יעדע תפילה זאל מען אינזינען האבן: "מיט דעם זכות זאל איך זוכה זיין צום רבי'נס ראש השנה".

• שמחה מיט די זכיות וואס מ'האט שוין איז א יסוד אין עבודת ה'. פון די שמחה נעמט מען כוחות צו גיין ווייטער.

## "זאת התורה אדם"

• "**זאת התורה אדם**" – דער מענטש אליין דארף ווערן תורה. די אמת'ע השגה איז ווען די תורה בויעט איבער דעם מענטש'ס מהות.

• די תורה דארף ווערן א מציאות אין דעם מענטש. נישט בלויז וויסן אין קאפ, נאר לעבן לויט איר אויך אין שווערע מצבים.

• תורה ווערט ערשט "תורה" ווען זי ברענגט דעם מענטש לידי קיום – ווען די הלכה טוט זיך אריין אין די בלוט און ווערט א מציאות ביים מענטש אליין.

• אין תורה זענען דא "**חדרי תורה**". ווער ס'שטעלט זיך נישט אפ, גייט אריין טיפער און געפינט נייע אוצרות. דער יצר הרע וויל אפשטעלן דעם מענטש אינמיטן וועג. דער עיקר איז נישט אויפגעבן, נאר ווייטער ממשיך זיין נאך און נאך.

## "ראש השנה ממש"

• ביים רבי'ן זענען די אלע מועדים געווען א מציאות ממש. ראש השנה איז נישט בלויז א טאג אויפן לוח, נאר א לעבעדיגער גילוי.

• "**מה לכם לדון את העולם**" – נאר דער צדיק קען מאכן ראש השנה. זיי נישט דן א צווייטן, משפט אים נישט, ווייל דו ווייסט גאר נישט וואו זיין פלאץ איז.

• נאר דער צדיק האמת, וואס ער איז "אוחז בכסא" און משיג ראש השנה באמת, קען ממתיק זיין אלע דינים פון דער וועלט און זיי ממתיק זיין בשורשם.

**אונטערשטע שורה:** לאמיר זיך אלע אין איינעם שטארקן, מרבה זיין מיט התבודדות זאגן תהלים און שמות הצדיקים. זיך פרייען מיטן פריערדיגן ראש השנה און זיך רייסן צום קומענדיגן ראש השנה. בזכות דעם וועלן מיר זוכה זיין זיך מתגבר צו זיין אויף אלע מניעות, אלעס זאל נמתק ווערן, און מיר זאלן אלע אנקומען צום הייליגן רבי'ן, און אויס'פויעל'ן א גוט געבענטש יאר פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים
# מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה׳ בדרכו של רביה״ק, בקונטרסי ״רוחא דחיי״ היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה״ח ר׳ חיים בנימין ורטהיימר ז״ל




## חסיד ברסלב!

# קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה״ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון מספר קרן 6491 או בקו רוחא דחיי 023024743 שלוחה 9<1